STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07823

DER BLUTIKER GELEKHTER

Ernst Toller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער בלוטיקער געלעכטער

(הינקעמאן)

אַ טראַגעדיע אין 3 אַקטען און 7 סצענעס

פון ערנסט טאָלער

מיט אַ פאָרוואָרט פון
פּראָפעסאָר פּ. קאָגאַן
(פון מאָסקווער אוניווערסיטעט)

אידיש פון
ליליפּוט

פּרייז 25 סענט.

ארויסגעגעבען פון דער
„פרייהייט", 47 קריסטי סט., ניו יארק
1924

Copyright 1924
by
Herman G. Kretchmer

רעכט צום אויפפירן צו קריגן בלויז ביי מאָריס שווארץ,
דירעקטאָר פון אידישען קונסט־טעאַטער,
27טע סט. און מעדיסאָן עוו.

ערנסט טאָלער — דער שאַפער פון דער סאָציאַלער דראַמע

פון פּ. קאָגאַן.

(פּראָפעסאָר פון מאָסקווער אוניווערזיטעט און באַרימטער אייראָפּעאישער ליטעראַטור־קריטיקער)

אָנשטאָט אַ פאָרוואָרט.

פאַר מיר ליגט ערנסט טאָלער׳ס נייסטע דראַמע „הינקעמאַן”. איך האָב איר דורכגעלייענט מיט דעם גרעסטן אינטערעס. טאָלער איז אַ סאָציאַליסט. ער שטעלט שטענדיק אַרויס דעם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער צעווילדעוועטער בורזשואַזער וועלט. זיין רעוואָלוציאָנערער טעאַטער שפּיגלט אָפּ די איצטיקע היסטאָרישע קאַטאַסטראָפע און די ליידן פון דער איינצעלנער פּערזענליכקייט. אים איז פרעמד דער אייזערנער ווילן, וועלכער פירט אָן די באַוועגונגען פון דער וועלט־רעוואָלוציע. אָבער ער איז פול מיט ביטערקייט און צאָרן און איז אומאיבערטרעפלאך אין מאָלן די ליגנס, אויף וועלכע עס איז געבויט די בורזשואַזע געזעלשאַפט.

אין זיינע בילדער איז פאַראַן עפּעס אימה׳דיקעס. זיי זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן סאַרקאַזם. דער טאַנץ אין דער צייט פון דער מגפה. דער טאַנץ פון ווילדע שיכור׳ע, צום טויט־פאַראורטיילטע, וואָס ווייסן ניט וואָס מיט זיי טוט זאך. טאָלער ווייס אויך וואָס פאַר אַן אופן עס וועט פאָרקומען די באַפרייאונג פון

דער מענשהייט, און ער ווייזט אָן די וועגן, וועלכע פירן דערצו. אין דערזועלבער צייט איז ער אָבער טרויעריק. ער ווייס ניט פון קיין רו און פון קיין הארמאָניע פון די מענטשן, וואָס האָבן קלאָר אויסגעארבעט זייער לעבנס־וועג. ער קאָן זיך ניט צופרידנשטעלן מיט דעם, וואס דער ראָד פון דער געשיכטע האָט צעשטערט די פריידן און קליינטשינקע פארגעניגענס פון די איינ־צעלנע מענטשן.

טאָלער׳ס טעאטער איז דער טעאטער פון משונה־דיקע ווידערשפרוכן, פון שרעקלאכע ליידן, דורך וועלכע דאָס פראָלעטאריאט קומט צו זיין ציל. מוט, דרייסט־קייט, אנטשלאָסנקייט און זעלבסט־באוואוסטזיין זיינען אין זיינע פיעסן ניט פאראן. עס דוכט זיך, אז ער האָט ניט ליב דעם גרויסן קאמף, אז ער בייינקט נאָך דער פרייער שאפנדער פערזענליכקייט, וועלכע דרינגט אריין אין איהר תוך און קאָן זיך ניט צופרידענשטעלן מיט׳ן געדאנק, אז אונזערע איצטיקע מענטשן, וואָס טראָגן די לאסטן, וועלכע די געשיכטע האָט אויף זיי ארויפגעלייגט, וועלן ניט קענען געניסען די פרוכטן פון פרייד און פריי־הייט אין דער נאָנטער צוקונפט.

אמת, אין זיינע „מאשינען־שטורמער" און אין זיין „מאסע־מענטש" האָט טאָלער געשאפן קלאָרע און דייט־לאכע בילדער פון מענטשן מיט א פאנאטישן גלויבן. פון מענטשן מיט א שטאָלענעם ווילן. אָבער שטענדיק דוכט זיך אויס, אז ער וויל אויסשרייען: „ווי שרעק־לאך עס איז, אז אזוינע מענטשן מוזן ליידן און אונ־טערגיין! ווי פאמעלאך עס דרייט זיך דער שטראָם פון ליגן און נידערטרעכטיקייט אין דעם אלגעמיינעם ים פון דער געשיכטע".

ערנסט טאָלער׳ס לעצטע דראמע „הינקעמאן" איז פון דראמאטישן שטאנדפונקט מער פארענדיקט ווי

„די מאַשינען־שטורמער” און דער „מאַסע־מענטש”. די אפשייליכקייט פון דער בורזשואזער וועלט ווערן דאָ דערמאָנט אין דער פאָרם פון שאָטנס, וועלכע באצייכענען פיגורן פון דער נאַכט ביים שיין פון א פאַנטאַסטישן פייער; שאָטנס לעכערלאכע און שרעקלאכע, וואָס שפרינגען און פלאָנטערן זיך און גיסן זיך צענויף אין די משונה׳דיקסטע גרופן, און פארוואַנדלען זיך אין די אויי בערנאַטירליכסטע בילדער, אָבער שפיגלען דאָך אמדייטלאכסטן אָפּ וואָס עס טוט זיך אַרום פייער.

טאָלער׳ס הויפט העלד אין זיין נייעסטער דראמע איז דער ארבעטער הינקעמאַן, וועלכער איז א צוקריפּעלטער צוריקגעקומען פון דער אימפעריאַליסטישער מלחמה. זיין וואונד האָט אים געמאַכט אימפּאָטענט. און אין דעם ליגט זיין טראַגעדיע. דער דאָזיקער ריז הינקעמאַן האָט א צאַרטע נשמה, ער איז פון נאַטור א פאַמיליען־מאַן און האָט ליב זיין פרוי. דאָס לעבן צוברעכט אים אָבער אזוי, אַז דער טויט דוכט זיך, וואָלט געווען די גרעסטע דערלייזונג פאר אים. מענטשן לעבן אָבער. לעבן און ליידן. און אין און אַרום די ליידן פון הינקעמאַן מאָלט טאָלער די שוידערלאַכקייטן, די שרעקלאכקייטן און די אפשייליכקייטן פון דער גאַנצער היינטיקער געזעלשאַפט. בילדער נאָך בילדער וואַרפט ער אויף איינע שרעקלאַכער פון דער אַנדערער, און אַלץ אין אַ שטריך, אַלץ אין אַ פּאָר ווערטער.

טאָלער׳ן קאָן מען אויפפירן רעאַליסטיש. מען קאָן אים אבער אויך אויפפירן אין דעם נייעם סטיל — גראָטעסק, פאַנטאַסטיש. דער רעזולטאַט וועט זיין דערזעלבער. דאָס וואָס עס רופט זיך אין אונזער היינטיקער דעמאָקראַטישער אייראָפּא מיט׳ן וואָרט „ציוויליזאַציע”, וואָס ווערט אזוי קונסטפול פאַרטיידיקט פון די קינסטלער און געלערטע — באַוואוסטזיניקע אָדער ניט־באַ־

וואוסטזיניקע אגענטן פון דער בורזשואזיע — ווערט ביי אים ארויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון די שוידערלאָכ־סטע, משונה׳דיקסטע דערשיינונגען. דאָרטן, וואו די ווירקלאכקייט גייט אריבער אין א פארס, און וואו דאָס לעבן איז א משוגעים־הויז — דאָרטן איז פאר׳ן דראַ־מאטורג גענוג איבערצוגעבן בלויז פאקטן. די פאקטן ריידן פאר זיך אליין. און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די שווארצע כחות פון דער היינטיקער אייראָ־פעאישער געזעלשאפט האָבן ארייגעפאקט אין תפיסה דעם שרייבער, וועלכער ווייזט זייער בארבאטישקעטע קולטור אין איר אמת׳ער עקל׳דיקער געשטאלט.

די הויפט באוועגנדע ספרוזשינע פון טאָלער׳ס טעאטער איז די ליידנדע פערזענליכקייט. דערפאר הערט זיך שטענדיק פון דער נשמה פון דעם פארפאסער דער ניט שטיל־ווערנדיקער געשריי פון דער נאטור און פון לעבן. די סאָציאלע באדייטונג פון דעם טעאטער ווערט דערפון אָבער ניט פארמינדערט, נאָר פארקערט — פארגרעסערט. די מאָראלע און פסיכאָלאָגישע פראָ־בלעמען ווערן בא אים אומבאמערקטערהייט פארוואנדלט אין סאָציאלע פראָבלעמען. זיין סאָציאליזם איז אָבער ניט קיין וועלט־אנשויאונג, נאָר א וועלט־געפיל. ער קומט צום סאָציאליזם ניט מיט׳ן שכל, נאָר מיט די געפילן.

טאָלער איז שיין. ער איז א דראמאטורג פון אונזערע טעג, מיט זייערע אויפברויזן, לעבערלאכקייטן, און מיט זייער גראָבער זאכלאכער שיינקייט. די „מאשי־נענשטורמער“, דער „מאסנמענטש“ און „הינקעמאן“ קו־מען פאָר אין א סביבה פון גרויסע סאָציאלע איבערקערע־נישן, און אויב מ׳דארף מאטעריאל פאר די דרייסטעסטע רעזשיסאָרסקע עקספערימענטן; אויב מען דארף א דראמאטורג, וואָס זאָל ניט נאָר זיין א פארפאסער פון

א סצענאַריע; אויב מען דאַרף א פּארפאַסער וואָס זאָל געבן א ברייטן שוואונג צו דער פאַנטאַזיע און א פרייע האַנט צו די שטימונגען און שטרעבונגען פון די שויש־פּילער און רעזשיסאָרן, -— דאַן איז טאָלער דער פּאַר־סענדסטער דראַמאַטורג פאַר דעם.

טאָלער׳ס פּיעסן האָבן ניט קיין פּלאַץ אויף דער טראַדיציאָנעלער בינע, וואו אַלץ גייט נאָך א שאַבלאָן, וואו עס שפּילן, נאָך דער שאַרפער כאַראַקטעריסטיק פון א דייטשן קריטיקער, בלינדע פאַר שטומע. זיין טעאַטער פאָדערט די פאַרניכטונג פון אַלע ראַמען, פון אַלע גרעניצן, זיין טעאַטער פאָדערט א פולע באַלייכטונג אין צושויער־זאַל, ווי אויף דער בינע; זיין טעאַטער פאָדערט טומל, רייד, האַס און פאַראַכטונג, פרייד און אנטציקונג צווישן די צושויער און צווישן די אַקטיאָרן. אַלע באַטייליקן זיך אין דער אַלגעמיינער האַנדלונג. טאָלער איז ניט קיין וואָכעדיקער שרייבער, נאָר א יום־טוב׳דיקער. זיינע העלדן שטרעבן צו דאָס גרויסע און גאַנצע, און דעריבער פאָדערט זיך עפּעס גרויסעס און גאַנצעס אין דער אויפ־פירונג פון זיינער א פּיעסע.

„קראַסנאַיאַ גאַזו" נום. 4־5. 1923.

פערזאָנען:

הינקעמאַן.	פעטער אימערגלייך
גרעטע הינקעמאַן, זיין פרוי	זעבאלדוס זינגעגאַט
די אַלטע פרוי הינקעמאַן.	מיכל אונבאַשוועמט.
פאול גראָסהאַן	פרענצע, גרעטע׳ס פריינדין.
מאַקס קנאַטש	באַלאַגאנשטשיק.

אַרבייטער און אַרבייטערקעס.

פאַרשידענע טיפּן און מענשן פון דער דייטשער גאַס.

צייט: אָרום 1921.

אָרט: קליינע פאַבריק־שטאָט אין דייטשלאַנד.

מאטא: ווער ס'האט ניט קיין כוח צום חלום,
האט ניט קיין כוח צו לעבן.

ערשטער אַקט.

ערשטע סצענע

בלויז אָנגעדייטעט: אַ קיך און אַן אַרבעטער וואוינונג, וואָס איז אין דערזעלבער צייט אויך דער וואוינונגס־צימער. גרעטע הינקעמאַן טוט עפּעס ביים אויוון. הינקעמאַן קומט אַריין. ער זעצט זיך ביים טיש. זיין רעכטע האַנט, וואָס ליגט אויפ׳ן טיש, האַלט עפּעס אַ קליינעם געגנשטאַנד. ער נעמט ניט אַראָפּ די אויגען פון דער האַנט.

הינקעמאַן רעדט ניט גלאַט און ניט באַגייסטערט. זיין שפּראַך איז שטענדיג די זעלבע: אַ טעמפּע, אַ שווערע, וואָס דריקט אוים די לאַסט, וואָס ליגט אויף זיין נשמה.

גרעטע הינקעמאַן: האָט די מאַמע דיר געגעבן די קוילן?

הינקעמאַן: שווייגט.

גרעטע: אייגען... איך פרעג דיך נאָר, אויב די מאַמע האָט דיר געגעבן די קוילן... ענטפער... אַזוי ווי ר וואָלט גאָר אין שטוב ניט געווען! אייגען, רייד דאָך... מען קען דאָך משוגע ווערן! ניטאָ קיין שטיקל האָלץ! קיין ברעקל קויל!... אייגען, וואָס ווילסטו? איך זאָל איינהייצן דעם אויוון מיט אונזער בעט?

הינקעמאַן: אַ חיה׳לע... אַזאַ שיינינקע, קליינטשינקע חיה׳לע... ווי זיין הערצעלע קלאַפּט... מען שפּירט עס אין האַנט... און אַרום און נאַכט... שטענדיגע נאַכט...

גרעטע: אייגען, וואָס האַלטסטו אין האַנט?

הינקעמאַן: דו קענסט נאָך רואיק שטיין ביים אויוון? ווי פאַלן עס דיר ניט אַרוים די טעפּ פון די הענט? פילסטו ניט, ווי עס ציט זיך איבער דיר אַריבער אַ גרויסע פינסטערניש? אַ חיה׳לע, אַ באַשעפעניש פון

דער ערד, אזוי ווי דו, ווי איך... אקארשט נאָך געווען גליקליך, וואָס עס לעבט... טירילי, טירילי... דו הערסט דאָס יעטווידן פרימאָרגן? טירילי, טירילי... דאָס איז די פרייד פון ליכט... טירילי... און איצט! איצט! איצט! איך קום צו און זע, ווי זי שטעכט דאָס די דאָזיקע קליינ־טשינקע חיה'לע אויס די אויגען מיט אַ שפּילקע... דו פּאַרשטייסט... מיט אַ שפּילקע!... (קרעכצט אויף) אַי... אַי... אַי... !

גרעטע: ווער? ווער? ווער?

הינקעמאַן: דיין מוטער. דיין לייבלעכע מו־טער. אַ מאַמע! אַ מאַמע שטעכט אויס איר פויגעלע די אויגן מיט אַן אָנגעברענטע שפּילקע... פאַרוואָס? ווייל עפּעס אַ צייטונג האָט געשריבן, אַז אַ פינק זינגט בעסער, ווען ער איז בלינד... איך האָב איר צוריקגעשליי־דערט די קוילן... און די צען מארק, וואָס זי האָט מיר געגעבן אויך... איך האָב... גרעטע... דו פאַרשטייסט... איך האָב דיין מוטער באַשטראָפט... באַשטראָפט, ווי מען באַשטראָפט אַ קינד, וואָס מוטשעט חיה'לאַך... אָבער דערנאָך האָב איך אויפגעהערט... אַ געדאַנק האָט מיך געמאַטערט, שרעקליך איז געווען דער געדאַנק, שרעקליך! וואָלט איך דאָס דען פריער אַליין ניט געטאָן? אַזוי אָן נאָכצוטראַכטן? וואָס האָט מיך פריער געקימערט דער ווייטיק פון אַ חיה'לע... אַ חיה'לע... איז וואָס? מען גיט עס אַ דריי דעם האַלז, מען שטעכט עס, מען שיסט עס, און פאַרטיק. אויס. ווען איך בין געזונט געווען, איז מיר דאָס אַלץ פאַרגעקומען אַזוי פּשוט, אַזוי ווי אַנדערש האָט גאָר ניט געקאָנט זיין. אָבער איצט... איצט, ווען איך בין אַליין אַ קריפּל, ווייס איך עס! עס איז דאָך שרעק־ליך! עס איז דאָך מאָרד! ערגער פון מאָרד! מאַטערן לעבעדיגערהייט!... אָבער פריער!... דער געזונטער מענטש איז דאָך אַזוי ווי בלינד!...

גרעטע: וואָס האָסטו אָפּגעטאָן?... אַלץ פאַר־פאַלן איצט!... ניטאָ מער קיין שום האָפנונג!...

הינקעמאַן: אָבער באַטראַכט נאָר אַליין: אַ מאַמע שטעכט אויס די אויגן אַ לעבעדיגן באַשעפעניש! איך באַגרייף עס ניט! איך וועל עס קיינמאָל ניט באַגרייפן! איך באַגרייף עס ניט!...

ג ר ע ט ע : (גייט אַרויס.)

ה י נ ק ע מ אַ ן : דו, מיין אָרים פויגעלע, דו... דו, מיין קליינטשינקע בעבעלע... וואָס האָבן זיי איבער אונז ביידען געטאָן, דיר און מיר... וואָס האָבן זיי פון אונז געמאַכט!... מענטשן האָבן עס געטאָן. מענטשן. ווען דו וואָלסט געקאָנט ריידן, וואָלסטו געזאָגט: שדים זיי־נען ז אָס, וואָס מען רופט אָן מענטשן!... גרעטע!... גרעטע!... זי איז אַוועק... אונזער געזעלשאַפט ־ודיעט איר (זוכט אין צימער) צוזאַמען... מיר ביידע צוזאַמען... אין איין קליעטקע... אין איין קליעטקע...? כדי איינער זאָל דעם אַנדערן זיינע ווייטיקן דערציילן... ניין, ניין! איך וויל ניט זיין גרויזאַם. איך וויל שפּילן די ראָל פון שיקזאַל, אַ שיקזאַל, וואָס איז בעסער פון מיינעם... וואָ־רים, דו פאַרשטייסט, איך... איך האָב דיך דאָך ליב... ליב... יאָ, ליב...

ה י נ ק ע מ אַ ן (לויפט אַרויס, קומט אין אַ פּאָר סעקונדן ווידער צוריק.)

ה י נ ק ע מ אַ ן : פּאַטש־פּאַטש! אַ רויט פּלעקעלע אויפ'ן טויער... אַ פּאָר פעדערן... אַ פלי און אויס!... איין געדאַנק און אַלץ וואַקלט זיך! וואָלטן זיי מיר פריער געוויזן איינעם אַזאַ, ווי איך. איך ווייס ניט, וואָס איך וואָלט געטאָן. עס זיינען פאַראַן אומשטענדן, ווען מען ווייס ניט, וואָס מען וואָלט געטאָן, אַזוי ווייניג קען מען זיך... אפשר וואָלט איך געלאַכט, אפשר וואָלט איך... געלאַכט!... און זי? איר מוטער האָט אַ קליין פויגעלע די אויגן אויסגעשטאָכן... ווייסטו וואָס זי וואָלט געטאָן?

(לאַכט אויף, ווי אין משוגעת. דאַן הויבט ער אָן שרייענדיג צו זינגען „אַה־אַה...”

(בעת הינקעמאַן זינגט קומט גרעטע צוריק אַריין אין צי־מער, קוקט אים אָן אַ דערשראָקענע. ווי פון עקל אַרומגע־כאַפּט, פאַרשטאָפּט זי זיך די אויערן מיט די הענט. דאַן הויבט זי אָן פלוצלונג אין דער הויך צו כליפּען.)

ג ר ע ט ע : אָי, גאָט אין הימל!... אי, דו ליבער גאָט אין הימל!...

ה י נ ק ע מ אַ ן (דערזעט גרעטע'ן און שטעלט זיך אַנט־קעגן איר אין אומעטיקן צאָרן): וואָס נאָך?... וואָס וויינסטו איצט, פרוי?... ענטפער! וואָס כליפּעסטו? זאָג!... דו

וויינסט אפשר, וואס איך... ווייל איך האָב דיך... ווייל די מענטשן וואָלטן אויף מיר געטייטלט מיט די פינגער, ווי אויף א קאָמעדיאַנט, ווען זיי וואָלטן געוואוסט, וואס מיט מיר טוט זיך ?... ווייל דער שאָס פון א פארפלוכטער באַשעפעניש האָט מיך געמאַכט פאר אַן עלנדן קריפּל... האָט מיך געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט... אפשר... ווייל דו שעמסט זיך מיט מיר ?... זאָג דעם אמת... דעם גאַנצן אמת מוז איך ווּיסן... (זיך בעטנדיק האַרציק) פאַרוואָס וויינסטו ?

ג ר ע ט ע : איך... איך האָב דיך ליב...

ה י נ ק ע מ א ן : דו האָסט מיך ליב, אָבער... אָבער אין דיר באַוועגט זיך און ציטערט נאָר דער רחמנות־געפיל, ווען דו רירסט אָן מיין האַנט !

ג ר ע ט ע : איך האָב דיך ליב !...

ה י נ ק ע מ א ן : א הונט איז אַמאָל געווען ביי אי־מיצן. א גאַנץ לעבן אָפּגעוועזן... ער האָט זיך מיט אים געשפּילט, ווען יענער איז נאָך גאָר א קינד געווען... א גוטער פריינט... א געטרייער חבר... עס איז געווען א הונט, וואָס האָט ניט צוגעלאָזן ,אז אימיצער זאָל געקריוור־דעט ווערן... און אין איין שיינעם טאָג קריגט דער הונט א חולאת. זיין פעל ווערט שטייף, זיינע אויגן אייטערן... מען קען אים מער ניט ארומנעמען, מען קען אים מער ניט אָנרירן... מען וואָלט זיך געעקלט פון אים ווען... ווען, דו פארשטייסט... ווען מען וואָלט זיך ניט דערמאָנט... ווען עס וואָלט אין זכרון ניט געבליבן... דער הונט פון אַמאָל, וועלכער האָט אָנגעקוקט מיט אזוינע ליבליכע, מיט אזוינע מענטשלאכע אויגן... נו, געדיינקסט מען, אז ער האָט אַמאָל אזוי פיל פארגעניגן פארשאפט, און מען קען ביי זיך ניט באשליסן אים אַוועקצוגעבן צום שינדער... מען דולדעט אים אין שטוב... מען דולדעט אים ווען ער לייגט זיך אויף'ן בעט... ((אויפשרייענדיג) גרעטע ! דיינקסטו ניט, אז איך בין אזא הונט ?...

ג ר ע ט ע (פארשטאָפּט זיך די אויערן מיט אירע הענט און שרייט אויס פארצווייפלט) : איך האלט עס מער ניט אויס ! איך וועל כאפּן א שטריק !... איך וועל אויפדריי־ען די גאז !... איך קען עס מער ניט אויסהאלטן !...

ח י נ ק ע מ א ן (תילפלאָז): יאָ, גרעטעניו! וואָס ווילסטו דען? איך טו דיר דאָך גאָרנישט. איך בין דאָך אַ פאַרלאָרענער מענש. איך האָב דאָך אַ באַהאַלטענע קראַנקהייט. איך בין דאָך ניט מעהר, ווי אַ פּאַפּירענער מענטשעלע, וועלכן מען האָט אַזוי לאַנג געצויגן ביים שטריקל ביז ער איז קאַליע געוואָרן... די פּענסיע איז פאַר אונז צו ווייניג צום לעבן און צופיל צו שטאַרבן... גרעטע, דו פאַרשטייסט, איך וואָלט דאָך איצט געקאָנט פאַרראַטן מיינע אייגענע חברים. איך גלויב, אַז איך וואָלט... איצט געקאָנט... איך וואָלט געקאָנט ווערן אַ סטרייק־ברעכער, ווען, ווען איך וואָלט נאָר געוואוסט... ווען עס וואָלט מיך ניט אַזוי געשטיקט. ווען עס וואָלט מיך ניט... געשטיקט... געשטיקט און געוואָרגן... זעסט אָט דאָ, דאָ ליגט מער, ווי אַ בינטל שפּילקעס און שטעכט און שטעכט: „דו ביזט, ווי אַ קרעציגער הונט פאַר דיין ווייב...״ (שטיל, געהיימניספול) און גרעטע, זינט היינט... זינט איך בין געווען ביי דיין מאַמען, זינט איך האָב איר געזען מיט דער פויגעלע... זינט דער געדאַנק, דער שרעק־ליכער געדאַנק... זינט דאַן, — נאָגט עס מיך, נאָגט עס מיך, נאָגט עס מיך... איך הער שטימען... מאָדנע, שווי־דערליכע פּנימ'ער גלאָצן מיך אָן... אויפ'ן קאַרק ביי מיר זיצט אַ גראַמאַפאָן... ווי אַ שרעקליכע חיה און גרילצט אַריין זיין מוזיק מיר אין די אויערן: אייגען, נאַריש! אייגען משונה'דיג! אייגען לעבערליך!... און דערנאָך... מיט איין מאָל זע איך דיך... דו שטייסט אין אַ שטוב, איינע אַליין דו שטייסט ביים פענסטער, בעת איך גיי אין גאַס... הינטער'ן פאָרהאַנקע באַהאַלטסטו זיך... און דיינע לונגען רוקן זיך אויס, און דיין בויך קייקלט זיך פון געלעכטער... (אין אַ ווייל) ע אָרום פּשוט) ניט אמת, גרעטעניו, דו קענסט ניט לאַכן פון מיר? ד אָ ס וואָלסטו מיר ניט געקאָנט טאָן?

ג ר ע ט ע: וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אייגען? דו וועסט מיר דאָך סאַי ווי ניט גלויבן... דו וועסט מיר דאָך קיין זאַך ניט גלויבן...

ה י נ ק ע מ א ן: יאָ! יאָ, איך גלויב עס, גרעטע! נאַריש וואָלט איך געוואָלט ווערן פון פרייד! נאַריש! איך גלויב עס!... איך וועל קריגן אַרבעט און ווען איך

זאָל זיך דארפן ברעכן און בויגן ווי א חיה... וועל איך קרינן ארבעט... פאר דיר וועל איך ארבעטן...

פאול גראָסהאָן קומט אריין.

הינקעמאן און גרעטע: א גוטן אָוונט.

פאול גראָסהאָן: א לוסטיקע געזעלשאפט! קאָן איך זיך אפשר ביי אייך אויך אויסלערנען אביסעלע לאכן? איך זע, אז ביי אייך דאָ איז פריילאך...

הינקעמאן: דו דארפסט זיך דאָך ניט לערנען, פאול, דיר גייט עס דאָך גוט, פארדינסט פיין און וועסט נאָך באלד ווערן א ווערק-פירער.

פאול גראָסהאָן: בלאָטע! און דערנאָך וועט קומען די פארקלענערונג פון דער פאבריק און דאן אין גאס!... דאס אָרימע פאָלק, זאָג איך אייך, ווערט באהאנדעלט ערגער פון בהמות... בהמות ווערן וויינינגס־טענס געפאשעט, אויף דער לאנקע געפירט, און ערשט דאן ווען זיי זיינען רונד און פעט, ווערן זיי געקוילעט. און מיר...

גרעטע: איר זינדיקט קעגן גאָט, הער גראָסהאָן!

פאול גראָסהאָן: ווי קאָן דאס אָרימע פאָלק זינדיקן? ווען עס וואָלט אפילו געווען א יענע וועלט, וואָלט דאס פאָלק געמוזט געווינען דעם אייביקן גן עדן... שוין דערפאר אליין, וואס עס האט קיין צייט ניט צו זינ־דיקן, ווייל דאס טוען דאך די שופטן און פאסקודניאקעס... און צווייטענס, ווייל עס דארף באצאָלט ווערן, וואָס עס גיט די פייניקער זיינע די מעגליכקייט צו האָבן דעם גן־עדן דאָ, אויף דער וועלט... נאָר ערנסט גערעדט, גלויב איך א בערהויפט ניט. איך בין אַן אטעאיסט. איך גלויב ניט מער אין גאָט. און טאקי, אין וועלכן גאָט זאָל איך גלויבן? אין דעם אידישן גאָט? אין דעם געצן־גאָט אָדער גאָר אין דעם קריסטליכן גאָט? און אויב אין דעם קריסטליכן, אין וועלכן? אין דעם דייטשן, אָדער אין דעם פראנצויזישן גאָט?

הינקעמאן: ווער ווייס, אפשר זיינען די אלע געטער געבליבן הייננען אין די דראָטן אויף די שלאכט־פעלדער. אפשר שלאָגן זיי זיך דאָרטן איינע מיט די אנדערע — די געטליכע שלאכטן־פירערס?

ג ר ע ט ע : איך האָב מיין גאַנצן לעבן געגלויבט אין גאָט'ס גערעכטיגקייט און דעם דאָזיגן גלויבן קאָן ביי מיר קיינער ניט אוועקנעמען.

פּ א ו ל ג ר אָ ס ה א ן : ווען גאָט וואָלט געווען אַ גערעכטער, וואָלט ער דאָך געדאַרפט האַנדלען גערעכט, פּרוי הינקעמאַן, און ווי האַנדלט דער גערעכטער, ליבער, גוטער גאָט? האַ? דאַרף איך עס אייך דערציילן? מיט גאָט פאַר קעניג און פאָטערלאַנד! מיט גאָט פאַר מענטשן־מאָרד! מיט גאָט פאַר'ן — גאָלדענעם קאַלב! אַלץ האָט גאָט געוואָלט! אַלץ האָט גאָט געטאָן! מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, ווען נאָר די הערן־פירער און רעגירער האַלטן ניט פאַר נויטיג און ניט פאַר נוצליך צו זאָגן „איך", זאָגן זיי „גאָט"! ווען זיי שעמען זיך צו זאָגן „איך" זאָגן זיי „גאָט". דאָס קלינגט בעסער... און דאָס פאָלק לאָזט זיך דורכדעם בעסער פירן... איך לאָז דעם גלויבן איבער צו יענע, וואָס שלאָגן אַרוים פּראָפיטן פון דעם. מיר, מיר קעמפן ניט פאַר'ן הימל! מיר קעמפן פאַר דער ערד! מיר קעמפן פאַר די מענטשן!

ה י נ ק ע מ א ן : קעמפן פאַר די מענטשן וואָלט נאָך געווען נישקשה. מיר קעמפן אָבער נאָר פאַר דער מאַשין! זי, די מאַשין, צעברעכט אונז די ביינער, איידער מיר האָבן זיך נאָך אויפגעהויבן אין דער פרי. מיך שרעקט יעדער נייער אַרבעטס־טאָג, און ווען איך הויב אין דער פרי אָן צו אַרבעטן, קען איך זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, אַז איך וועל עס אויסהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. און ווען איך הער באַנאַכט, ווי די פאַבריק־גלאָק גיט אַ קלונג, לויף איך אַרוים פון פאַבריק, אַזוי ווי איך וואָלט וועלן אַנט־לויפן פון אַ קליפּה!

פּ א ו ל ג ר אָ ס ה א ן : מיך דריקט ניט די מאַשין. איך בין דער בעל־הבית איבער דער מאַשין און ניט די מאַשין איבער מיר! ווען איך שטיי ביי דער מאַשין כאַפּט מיך אַרום אַ טייוואָלישע לוסט: דו מוזט איר ווייזן, אַז זי איז ניט מער, ווי דיינע אַ שקלאַפין; אַז דו ביזט דער בעל הבית איבער איר; און איך הויב אָן טרייבן די שרייענדיקע, רוישענדיקע, קוויטשענדיקע און קרעכ־צענדיקע שקלאַפין מיינע, ביז איר לעצטע קראַפט אָנ־שטריינגונג, ביז זי שוויצט מיט בלוט, אַזוי צו זאָגן...

און איך לאָך דעמאָלט און איך פריי זיך, ווי זי מאַטערט זיך אויס, און קוועלט זיך אָפּ, און ווערט אָפּגעניצט... אַזאַ מין חיה׳לע, — שריי איך צו איר — דו מוזט מיך פאָלגן! פאָלגן! געהאָרכן! איך פּאַק אין איר אַריין די ווילדסטע שטיק האָלץ און צווינג איר, אַז זי זאָל דאָס האָלץ אוממאַכן, ווי איך וויל, ווי איך הייס איר! איך גיב איר דעם באַפעל, ניט זי מיר! זיי אַ מאַן, אייגען, דאַן וועסטו זיין דער בעל הבית איבער אַלץ!

ה י נ ק ע מ אַ ן (שטיל): עס פּאַסירן פאַלן אויף דער וועלט, וואו אַ מענטש קאָן גיכער ווערן אַ גאָט, איידער אַ מאַן!

ג ר ע ט ע: (קוקט אָן גראָסהאַנ׳ען מאָדנע פרעמד און פאַרוואונדערט) ווי ווילר איר קענט קוקן אויף דער וועלט, הער גראָסהאַן!

פ אַ ו ל ג ר אָ ס ה אַ ן: אָה־אָה!

ה י נ ק ע מ אַ ן: ער האָט זיך אויסגעלערנט צו קוקן ווילד, אָבער ניט ביי דער מאַשין.

ג ר ע ט ע: וואו דען?

ה י נ ק ע מ אַ ן: דו ווילסט וויסן וואו? ביי די פרויען.

פּ אַ ו ל ג ר אָ ס ה אַ ן: וואָס האָט דען דער ברודער פּראָלעטאַריער אַנדערעס אין זיין לעבן? ווען ער קומט אויף דער וועלט, שילט זיך דער טאַטע, וואָס אַ נייער פרעסער איז צוגעקומען. הונגעריג גייט ער אין דער פרי אַוועק אין שול, און ווען ער לייגט זיך באַ נאַכט שלאָפן, טרעשטשעט דער הונגער אין זיינע געדערים. און דערנאָך פאַלט ער אַריין אין שקלאַפעריי. ער פאַרקויפט זיין אַרבעטס־קראַפט, ווי מען פאַרקויפט אַ קוואָרט קעראָסין. ער געהערט צו זיין אונטערנעמער, ווי דעם אונטער־נעמער׳ס מאַשין, ווי זיין טיש, ווי זיין באַנק... ער ווערט, אַזוי צו זאָגן, זיין האַמער, זיין הובעל, זיין ביגעל אייזן אָדער זיין פעדער האַלטער... יאָ, יאָ. אַזוי איז דאָס... און דאָס אַלץ ניט אויף אייביק, נאָר אַזוי לאַנג, ווי ער האָט קראַפט, ווי ער האָט כח... נו, פרעג איך אייך, וואָס בלייבט אונזער איינעם איבער פאַר פאַרגעניגענס? ד י ל י ב ע! דאָרטן קען אים קיינער ניט אַריינריידן, קיינער קען אים קיין דעה ניט זאָגן! ד י ל י ב ע! וואו ער

איז פריי, וואו ער קען אי דעם אייגענטימער, אי דעם פּאָליציסט זאָגן: אהער קענסטו ניט אריין! דאָ איז מיין פּאַלאַץ! איינטריט פארבאָטן!...

הינקעמאן: אפשר האָסטו רעכט...

פּאול גראָסהאַן (לאָזט זיך ניט איבערשלאָגן): די ליבע! די רייכע האָבן אַ סך זאַכן, מיט וועלכע זיי קענען זיך אַמוזירן. זיי פאָרן אויף דאַטשעס, זיי האָבן מוזיק און ביכער... אָבער אונזער איינער? מען לייענט אַמאָל אַ בוך, אָבער ניט יעדן טאָג. דערצו האָבן מיר נאָך אין שול צו ווייניק געלערנט. עס פעלט אונז צוגרייטונג... און מוזיק! „לאָענגרין" איז אפשר טאַקע גאַנץ שיין, אָבער ווען איך גיי אין אַן אָפּערעטע אָדער אין אַ וואַריעטע טעאַטער, ווען איך זע „די פריילינגע אלמנה" אָדער דעם „וואַלצער חלום", פאַרשטיי איך עס בעסער און אַמוזיר זיך דערביי בעסער. קענט איר דאָס (ער זינגט): „ווילי, אַ ווילי, דו וואַלד־מיידל מיינס." אָדער גאָר ווען איך וואַרף אריין צען פעניג אין מוזיק אויטאָמאַט און עס הויבט אָן שפּילן אַ וואַלצער און איך מיט מיין מיידל, מיר לאָזן זיך אַוועק אין טאַנץ... דער־מאָלט ווייס איך, אַז איך לעב... פאַר אונז פּראָלעטאַריער איז די ליבע גאָר עפּעס אַנדערש ווי פאַר די רייכע לייט! זי איז פאַר אונז... אַזוי צו זאָגן... דער קערנדל פון לעבן. ווען דער דאָזיגער קערנדל הויבט אָן צו פוילן, דאַן איז דאָס בעסטע... גלייך נעמען אַ שטריק!... איז דאָס ניט אַזוי, אייגעַן?

הינקעמאן: מעגליך, אַז דו האָסט רעכט...

פּאול גראָסהאַן: איר זענט אַ פאַרהיי־ראַטע פרוי, מאַדאַם הינקעמאַן, מען קען דעריבער ריידן מיט אייך אָפן: זאָגט אַליין, וואָס האָט אונזער איינער פון לעבן, אויב ער זאָל כאָטש יעדן טאָג איינמאָל ניט זיין ביי זיין מיידל?...

הינקעמאן: (קוקט אויפמערקזאַם און געשפּאַנט אויף גרעטע'ן.)

פּאול גראָסהאַן: וואָס זאָגט איר, פרוי הינקעמאַן?

גרעטע: וואָס איך זאָג? (ציטערנדיק) אַלע פרויען זיינען ניט גלייך.

הינקעמאַן (אויפשפּרינגענדיג): איך וועל אַרויס־גיין קריגן אַרבעט! גרעטע! דו קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, איך וועל מוזן קריגן אַרבעט! און איך וועל דיר נאָך ברייננען אַ שיינעם געשאַנק אויף יום טוב!... וואַרט נאָר, וואַרט! וועסט שוין זען!...

פּאול גראָסהאַן: וואו וועסטו איצט קריגן אַרבעט? וואוהין לויפסטו? אַרויסגעוואָרפענע מי!

הינקעמאַן: ווייס איך וואָס! דו׳סט שוין זען! אַ גוטן אָוונט, פּאול! צום ווידערזען, גרעטע!
(גייט, פול מיט האָפנונג, אויף גיך אַרויס פון צימער.)

אַ פּאָר מינוטן פּאוזע.

פּאול גראָסהאַן: אַ מאַן, ווי אַ ריז! עס איז דאָך אויף צינ׳אמת׳ן אַ שאָד וואָס אַזוינער גייט אַרום אָן אַרבעט! און דאָך איז ער שטענדיג פריילִיך, שטענ־דיג מיט אַ וויץ... איר מוזט זיין אמת גליקליך, פרוי הינקעמאַן, ניט ריכטיג, האַ?

גרעטע (קוקט אים אָן פאַרשטיינערט): יאָ.

פּאול גראָסהאַן: איך בין איינגענ׳ען שטענ־דיק מקנא, שטענדיק, ווען איך זע אייךביידן אַזוי צו־זאַמען.

גרעטע (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אויף אירע הענט און וויינט זיך פאַנאַנדער).

פּאול גראָסהאַן: וואָס איז מיט אייך, פרוי הינקעמאַן? איך האָב דאָך קיין שלעכטס ניט געזאָגט? איר וויינט גאָר? וואָס איז מיט אייך? זאָל איך אפשר נאָכלויפן אייגען און אים צוריקברייננגען? איך וועל אים אפשר נאָך כאַפּן...

גרעטע (פאַרצווייפלט שרייענדיג): עס שפּאַלט זיך מיר דער קאָפּ!... איר וועט מיך נאָך אַריינטרייבן אין דול הויז!... איך וועל זיך צעשרייען... צעשרייען...

פּאול: (פאַרזאָרגט) וואָס איז מיט אייך, פרוי הינקעמאַן? איר זענט קראַנק? קען איך אייך אפשר העלפן? אָדער... אפשר זענט איר גאָר... אפשר האָט איך גוטע האָפנונג? עס טרעפט, אַז אין אַזעלכע פאַלן ווערן מאַנכע פרויען היסטעריש...

גרעטע: אך! דו מיין ליבער גאָט! אך! דו מיין ליבער גאָט... אין אַנדערע אומשטענדן... (אַ פּאַר־קראַמפּטע אויפלאַכענדיק) אין אומשטענדן... אַה, ווי גליק־ליך וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט איצט געשטאָרבן... ווען מען וואָלט מיך באַגראָבן...

פּאול: איז אייגען ניט גוט צו אייך? שלאָגט ער אייך?

גרעטע: גוט... גוט... צו גוט איז ער... הלואי וואָלט ער ניט געווען אַזוי גוט... הלואי וואָלט ער מיך גע־שלאָגן... איך זאָג אייך... איך זאָג אייך... איך קען עס אייך גאָר ניט זאָגן... איך בין דאָך ניט מער, ווי אַ מענטש... ווי אַ יונגער מענטש... איך מיין אייגען... מיין אייגען... איר פאַרשטייט... ער... ער איז ניט... ער איז גאָרניט...

פּאול: איך גלויב, אַז איר זענט אויף צונ׳אמת׳ן קראַנק, פרוי הינקעמאַן. אפשר האָט איר פיבער... איר וואָלט זיך געדאַרפט אָפּמעסטן אייער טעמפּעראַטור.

גרעטע (ווי צוטומעלט): ניין... ניין... איר פאַר־שטייט מיך ניט... מיין אייגען... מיין אייגען... זיי האָבן אים דאָרטן, אויף דער מלחמה, אַזוי צע׳מזיק׳ט... אַזוי צעקריפּלט... פאַר אַן אמת׳ן קאַליקע האָבן זיי אים גע־מאַכט... איך שעם זיך אפילו וועגן דעם צו ריידן... איך קען דאָס קיינעם ניט דערקלערן... איר זענט דער ערש־טער מענטש, פאַר וועמען איך רייד אויס מיין האַרץ... איך וויל, איר זאָלט מיך פאַרשטיין, הער גראָסהאַן... מיין מאַן איז מער ניט... (כאַפּט זיך וואָס זי האָט דאָ אַרויסגעזאָגט, און האַלט זיך, ווי דערשראָקן פון אירע איי־גענע רייד, צו דעם מויל).

פּאול (לאָזט אַרויס אַ קורצן, גראָבן געלעכטער, וועלכן ער ברעכט אונטער אין מיטן).

גרעטע: אַה, פּאָטער אין הימעל! וואָס האָב איך דאָ איצט אָפּגעטאָן?! וואָס האָב איך אייך גע־זאָגט?!... ווי איר לאַכט מיך איצט אויס! פוי! פוי! איך האָב אייך געהאַלטן פאַר אַ פריינט און איר... דאָס האָב איך פון אייך ניט דערוואַרט... דאָס האָב איך ניט געגלויבט אויף אייך!...

פ א ו ל : (ערנסט) אנטשולדיגט מיר, פרוי הינקעמאַן. עס איז מיר נאָר... עס האָט זיך מיר נאָר ארויסגעריסן פון האַלדז... ווען אַ מאַן הערט אַזאַ זאַך, מוז ער, ניט ווילנדיק, אַ לאַך טאָן... ער קאָן זיך ניט העלפן... (פול צאָרן) אָבער אייגעָן... ער איז דאָך אַ פאַרדאַמטער עגאָאיסט! צו וואָס האַלט ער אײַך?... ער האָט אײַך ניט ליב... אַניט וואָלט ער אײַך דאָך אַוועקגעלאָזן...
(אַזוי רייזנדיק הויבט ער אָן גרעטע'ן צו גלעטן, און גרעטע טוליעט זיך, באַוואוסטלאָז, צו צו אים.)

ג ר ע ט ע : מען קאָן אים אויך ניט פאַרדיינקען. עס איז אַ סך שווערער, ווי איר שטעלט זיך דאָס פאָר, הער גראָסהאַן... מען ווייסט פשוט ניט וואָס צו טאָן... אָט איז ליכטיג, און דאַן קומט מיט אַמאָל די פינסטערע נאַכט... איך האָב מיטלייד מיט אים... וואָס פאַר אַ גאָלדענער מאַן ער איז עס געווען פאַר דער מלחמה!... אַ בליהענד לעבן!... און היינט... נאָר קרעכצן און אַכצן און זיך גריבלען קאָן ער... ער קריגט זיך מיט גאָט און קריגט זיך מיט די מענשן... און ווען ער קוקט מיך אָן, דוכט זיך מיר, אַז ער וויל מיך דורכקוקן דורך און דורך. אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַ זאַך און ניט קיין מענטש... און זאָפטמאָל האָב איך מורא פאַר אים... דעמאָלט קען איך אים ניט אויסשטיין... עס עקלט מיך פון אים... (אויפציטערנד) עס עקלט מיך... גאָט אין הימל! טאַטע־פאָטער! מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן?...

פ א ו ל (אַלץ צערטליכער ווערנדיק) : וויינט זיך גוט אויס, פרוי הינקעמאַן, וויינט נאָר... טרערן, וואָס מען האַלט צוריק, זיינען ווי שטיינער, וואָס ליגן אויפ'ן האַרצן... אַזוי האָט מיין פאַרשטאָרבענע מוטער שטענדיג געזאָגט...

ג ר ע ט ע : אָבער איר... איר וועט אים ניט לאָזן מערקן, הער גראָסהאַן? איך וואָלט זיך דעמאָלט בעסער דאָס לעבן גענומען... איך וואָלט אין וואַסער אַריין...

פ א ו ל : גאָרנישט וועל איך אים זאָגן, גרעטע. קיין איין וואָרט ניט. קיין זילבע ניט. קענסט זיין גאָר רואיק... איך האָב שוין אַמאָל אָפגעהוקט אַ מאָנאַט אין טורמע, ווייל איך האָב פאַרשפּראָכן צו שווייגן, און קיין וואָרט ניט אַריבערצובריינגען איבער מיינע ליפּן... מעגסט

זיין גאנץ רואיק... דו ביזט דאָך נאָך אזא יונגע פרוי... פּוק מיך נאָר אָן... צו אַלדי שווארץ יאָר... אויב דו וועסט עס אויסהאַלטן אפילו נאָך אַ יאָר... נאָך אַ חודש... ביזטו שטאַרקער פון אייזן... אָבער זיך עסן דאָס הארץ איז ניטאָ פאַרוואָס... גרעטעלע, גרעטעניו... גרעטכען... (ציט זי צו נענטער צו זיך און קושט איר.)

ג ר ע ט ע (נאַאיוו) : אָבער איצט ווער איך דאָך אויף צונ'אמת'ן שלעכט...

פּ א ו ל : שלעכט ?! ווי קען זיין שלעכט, וואָס קומט פון דער נאַטור ?... ווי מען זאָגט עס... פון בלוט ! שלעכט !... דאָס איז דאָס וואָרט, מיט וועלכן עס וואַרפן זיך ארום די גלחים און די קאַפּיטאַליסטן... שלעכט וואָלסטו געווען צו זיך, ווען דו וואָלסט געבליבן טריי צו אַ מאַן, וואָס איז קיין מאַן ניט... און גאָט ! וואָס האָט גאָט דאָ צו טאָן ? נאָר פאַר אונז, אָרימע לייט, דאַלט מען די דאָזיגע סטראַשידלעס, ווי טרייקייט, שלעכטסקייט און אזוי ווייטער... פאַר זיי, פאַר די רייכע, האָבן די דאָזיקע ווערטער שוין לאַנג אָפּגעלעבט זייער צייט... פאַר זיי איז טרייקייט שוין ניט מער, ווי אַ באָבע מעשה... מיינער אַ פריינט פירט איצט אַ ליבע מיט אַ פרוי פון אַ...

ג ר ע ט ע : איך הער אימיצן גיין אויפ'ן טרעפּ... אויב דאָס איז אייגען...

פּ א ו ל : דאַן... דאַן וועל איך בעסער גיין... גרעטעלע, וועסטו אפשר צו מיר אריבערקומען ?... דו ווייסט דאָך, וואו איך וואוין... דארפסט זיך ניט שרעקן... צו מיר קומט קיינער ניט... דו וועסט ביי מיר קענען אויסוויינען דיינע טרערן, אויסשיטן דיינע צרות, אויסליידיקן דיין הערצעלע... וועסטו קומען ?...

ג ר ע ט ע : איך וויים עס נאָך ניט...

פּ א ו ל : דערמאָנסטו זיך נאָך, ווי מיר האָבן אַמאָל ביידע צוזאַמען שפּאַצירט אין שטאָט־פּאַרק, גרעטעלע ? געדיינקסטו מיר האָבן דאַן ביידע לופטשלעסער געבויט ? איך האָב שוין דעמאָלט געהאַלטן אָן אויג אויף דיר... אָבער דעמאָלט ביזטו נאָך געווען אזא קליין מיידעלע... ווער האָט דאַמאָלסט געקאָנט וויסן ?... נו, גרעטעניו, וועסטו קומען צו מיר ?

גרעטע (שאָקלט ניט ווילנדיג מיט'ן קאָפּ).

פּאול (פּלוצים ברוטאַל): אָן צערעמאָניעס... דו קומסט?...

גרעטע: איך...

פּאול: דו קומסט? דו פאַרשטייסט, דו מוזט קומען!

גרעטע: יאָ...

פּאול: אויב אַזוי איז גוט. נו, אַדיע... אַ גוטע נאַכט, גרעטעלע... אַדיע (גייט לאַנגזאַם אָפּ.)

גרעטע (אַליין): מען איז דאָך ניט מער, ווי אַן אָרימע, שוואַכע פרוי און דאָס לעבן איז אַזוי פאַרפּלאָנטערט... אַזוי פאַרדרייט!...

פאָרהאַנג

צווייטער אַקט

ערשטע סצענע

בלויז אָנגעדייטעט: פאַר אַ גרויסן וואָגן. אויף אַ קלאָץ צווישן אָנגעוואָרפענע זאַכן שטייט דער אייגענטימער פון באַלאַגאַן. הינקעמאַן שטייט פאַר אים.

הינקעמאַן (ווייזט·אָן אויף אַ צייטונג): איז דאָס דאָ?

באַלאַגאַנשטשיק: וואָס... דאָ?

הינקעמאַן: אָט דאָ שטייט עס דאָך (לייענט לאַנגזאַם יעדעס וואָרט אונטערשטרייכנדיק): „פאַר אַ סענסאַציאָנעלן נומער ווערט געזוכט אַ קרעפטיקער מאַן. גרויסער פאַרדינסט. נאָר ערשט־קלאַסיגע מענטשן מאַטעריאַל זאָל זיך מעלדן“.

באַלאַגאַנשטשיק: אָה, וועגן דעם? שטעלט זיך אַוועק פאַר'ן ליכט! (באַקוקט הינקעמאַנ'ען) דער קאָפּ שיין... די ברוסט הויך... די היפטן און דער הינטערשטער טייל קרעפטיק... פּונקט, ווי איך דאַרף... אמת'ע בערן מוסקולן... פּרימאָ! ערשטע קלאַס... פּרימיסימאָ... פיין... אָנגענומען... דאָס אַלעס!...

הינקעמאַן: אָבער וואָס וועל איך דאַרפן טאָן?

באַלאַגאַנשטשיק: אָה, וועגן דעם? לייכטע אַרבעט! אַ קינד קאָן דאָס טאָן. הערט זיך איין! דאָס פאָלק איז ניט קיין סטאַרע שעפּסן. ראָזינקעס שיטן זיך ניט פון הימל. חברה האָבן דאָך ניט קיין שום ידיעה וועגן געשעפט. זיי ווייסן פשוט ניט. דאָס פאָלק וויל זען בלוט... איר פאַרשטייט, בלוט!! ניט קוקנדיג

אויף די צוויי טויזנט יאָר קריסטליכער מאָראַל וויל דאָס פאָלק נאָך אַלץ זען בלוט!... מיין אונטערנעמונג רעכנט זיך מיט דעם... און דעריבער פאַרשטיי איך, ווי צו פאַר־אייניקן דעם אינטערעס פון פאָלק מיט מיינע פּריוואַטע אינטערעסן. איר פאַרשטייט? מען טאָר ניט שיטן קיין זאמד אין די אויגן! קיין נאַרעריי! (כאַפּט אַ פליוט) וואָס איז דאָס? (שפּילט אויף איר עטליכע טענער) שפּיל פאַר אַלטע מוידן! זיסליכע לאַקריץ! ציקאָריע־געקעכץ מיט סאַכאַרין! בר־ר־ר־ר! און וואָס איז דאָס (כאַפּט צוויי פויקן שטעקלעך און הויבט אָן צו קלאַפּן אויפ'ן באַראַ־באַן) פאָלקס־מוזיק (פויקן קלאַפּעריי) טומל (פויקן קלאַ־פּעריי) עקסטאַז! (פויקן קלאַפּעריי) און דאָס איז לעבן!

הינקעמאַן: איר האָט דאָך מיר געוואָלט עפּעס זאָגן?

באַלאַגאַנשטשיק: איך בין דאָך אין מיטן גאַנג! אָט איז אַ שטייגל מיט מייז! און דאָ אַ שטייגל מיט ראַטצן! אַ קליין פאַרמעגן קאָסט עס אָפּ! נו, און איצט אייער נומער! איר דאַרפט צו יעדער פאָר־שטעלונג איינבייסן דעם גאָרגל פון אַ ראַטץ און אַ מויז! פאַרשטייט זיך, דערביי אַ זופּ טאָן אַ פּאָר טראָפּן בלוט. אַ שטאַרקע באַוועגונג! אַוועק! פאַרשוואונדן! און דאָס פאָלק ווערט ווילד פון פאַרגעניגן און ווערט צע־פּלאַצט פאַטשנדיק בראַוואָ!...

הינקעמאַן: לעבעדיקע חיות?! ניין, מיין הער! די דאָזיקע שטעל איז ניט פאַר מיר! איך מוז זיך אָפּזאָגן!

באַלאַגאַנשטשיק: נאַרישקייטן! אַכצן גאָלד מאַרק אַ טאָג! פרייע מאָלצייטן! און אַרום און אַרום פופציק מינוטן אַרבעט... קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מאַן! צו אַלץ קאָן מען זיך צוגעוואוינען. אין דאָ קומט נאָך די זייטיגע פּרנסה!... איר וועט קריגן אַזוי פיל פאַר־שלאָגן חתונה צו האָבן, אַז איר וועט קאָנען דערמיט הייצן די אויוונס. די באַצילן פון מאָראַל וואַרפט מען איצט אַרויס! די ערע פון יונג־פרויען קען מען היינטיקע צייטן צורעכט מאַכן. פאַר דעם זיינען איצט פאַראַן ספּעציעלע דאָקטוירים...

ה י נ ק ע מ א ן (זשעדנע): אכצן מארק...

ב א ל א ג א נ ש ט ש י ס: נו, איז געביסן? הא־הא!

ה י נ ק ע מ א ן (אויפשווידערנדיק): שרעקליך... לע—בע—די—קע חיה׳לעך!...

ב א ל א ג א נ ש ט ש י ק: אנו, אדרבא, פּרואווט איצט קריגן אנ׳אנדער ארבעט, מאן! איך זאָג אייך, איך וויים, וואָס איך רייד! אומעטום פארנומען! ניטאָ! איך זאָג אייך! האַ־האַ־הא! יאָ צי ניין? ענטווערער — אָדער!...

ה י נ ק ע מ א ן (זיך ווערגנדיג מיט די ווערטער): דאָס — דאָס — וועל איך — טאָן — בלויז — בלויז — צוליב מיין פרוי... (אַרויספּרעסנדיג פון זיך) ווען מען האָט ליב א מענטשן! ווען מען ווערט פון א מענטשן געליבט! און מען האָט מורא, אז מען זאָל די ביסעלע ליבע ניט פּארלירן! אונזער איינער האָט אין אַלגעמיין ניט פיל ליבע! אָבער דאָך... אפשר האָט איר אנ׳אנדער באַשעפטיגונג פאַר מיר?

ב א ל א ג א נ ש ט ש י ק: ענטווערער — אָדער!

ה י נ ק ע מ א ן (שטאַמלענדיג כמעט וויינענדיג): אָך... אָך... אָך... אכ־אכ־אכצן מארק... אָך—אָך—אונזער איינער... אונזער איינער!... ווין... קארוסעל... מען מוז זיך דרייען... שטענדיק ארום!... שטענדיק ארום! איך קאָן זיך ניט העלפן!.. אי— איך נעם עס אָן, מיין הער!...

ב א ל א ג א נ ש ט ש י ק: איך האָב עס פריער געוואוסט! איר פארשטייט דאָך! קעניגע, גענעראלן, גלחים און באלאגאנשטשיקעס זיינען די איינציקע פּאָליטיקער! זיי כאפּן דאָס פאָלק ביי זיינע אינסטינקטן, און דערפאר זיינען זיי ערפאָלגרייך...

צ ו ו י י ט ע ס צ ע נ ע

די בינע איז טונקל.

פּ א ו ל ג ר אָ ס ה א ן: דו ליבסט מיך?

ג ר ע ט ע: דיך, דיך.

פּ א ו ל: און אייגען גלויבט...

ג ר ע ט ע : לאָז מיך צורו מיט אייגען! דערמאָן אים ניט! איך האס אים! איך האס אים!

פ א ו ל : מאָדנע זענט איר, איר פרויען! איך קען אייך ניט פארשטיין! פארוואָס ביזטו גלייך ניט אנטלאָפן פון אים? גלייך, ווי ער איז צוריק געקומען? גלייך, ווי דו האָסט זיך דערוואוסט?

גרעטע: אָ! איך ווייס ניט. איך ווייס קיין זאך ניט... איך ווייס גאָר ניט מער... איך דיינק, אז איך האָב זיך געשעמט פאר די ארומיקע...

פ א ו ל : אָרימער יונג! אייגענטליך, ווען מען וויל נאָכדיינקען...

ג ר ע ט ע : דו טאָרסט ניט נאָכדיינקען. איך וויל עס ניט.

פ א ו ל : אָבער דו דארפסט ניט פארגעסן, אז איי־גען איז מיינער א פריינט.

ג ר ע ט ע : ניין, ניין! דו טאָרסט ניט! דו דארפסט ניט! איך וויל עס ניט!

פ א ו ל (אין אַ ווייל̈ע אָרום) : אָבער ווי איז פאָרט געווען, ווען ער איז צוריקגעקומען? האָט ער געזוכט...

ג ר ע ט ע : אָ, פאול! פאול! איך בעט דיר, שווייג! פרעג ניט!

פ א ו ל : און אויב ער וואָלט געווען געזונט, וואָלסטו אויך געקומען צו מיר?...

ג ר ע ט ע (לאָזט אַרויס אַן אומגעדולדיגן, אָנגעוויטאָגטן קרעכץ).

פ א ו ל : וואָס איז מיט דיר? פארוואָס האָסטו זיך אויפגעהויבן? וואָס טוסטו?

ג ר ע ט ע : איך וויל נאָר, אז גאָט זאָל ביי דיר צו־נעמען דעם צונג! דיר און מיר! און אים! און אלע־מען! ווערטער זיינען געוואָרן אן אמת'ער גהינום!

(די בינע ווערט אינגאַנצן פינסטער).

דריטע סצענע

בלויז אָנגעדייטעט. פאַרגעניגונגס פּלאַץ, פאַר אַ באַלאַגאַן, וועמענס געל באַמאָלטע ווענט שרייען אַריבער דעם טומעל און רעש. אַ קאַטערינקע שפּילט. טרומייטן שאַלן. אויף אַ ברעט פאַר׳ן באַלאַגאַן שטייט אַ טאַטואירטע פרוי און הינקעמאַן, וועלכער טראָגט אַ פּליוש־פאַרביקע טריקאָ.

באַלאַגאַנשטשיק (גרילצט, שיט אַרויס אָפּגעהאַקטע פראַזן): מיינע הערן און דאַמען! קומט צו אַ ביסל נענטער! הערט אויס! זעט נאָר! פאַרוואונדערט זיך! אין דער ערשטער אָפּטיילונג פירן מיר פאַר אייך פאַר מאָנאַכיאַ, די טאַטואירטע פרוי, די וואונדערבארסטע קונסט־בילדער פון אַ רעמבראַנדט, פון אַ רובענס... אויף דער פאָדערשטער זייט... און מאָדערנע, עקספרעסיאָניסטישע, פוטוריסטישע, דאַדאיסטישע קעניגס־בילדער... אויף דער הינטערשטער זייט פון איר נאַקעטן קערפּער! די דאַמע ווייזט ניט נאָר אירע פּיס! די דאַמע ווייזט ניט נאָר אירע הענט! ניט נאָר איר רוקן! די דאַמע ווייזט אַלע אירע קערפּער־טיילן, וועלכע זיינען נאָר דורכ׳ן געזעץ ניט פאַרבאָטן צו ווייזן. וועלכע מענער און פרויען איבער אַכצן יאָר טאָרן זען... אַלס צוגאָב וועט איי״ זען, ווי מען האַקט פון אַ קינד אַראָפּ דעם קאָפּ! פון אַ קינד! פון אַן אמת לעבעדיקן קינד! אַזאַ וואונדער האָט איר נאָך ניט געזען! אַזאַ וואונדער קענט איר ניט זען אין אַפריקאַ! דאָס קענט איר ניט זען אין אויסטראַליע און ניט אין אַזיען! אַזעלכענע זאַכן קענט איר בלויז זען אין די העכסט ציוויליזירטע לענדער פון אייראָפּאַ און אין אַמעריקאַ!... און צום שלום (ער ווייזט אָן אויף הינקעמאַן) און צום שלום, האַמאַנקולוס, דער דייטשער בערן־מענטש! פרעסט ראַטצן און מייז לעבעדיקערהייט פאַר די אויגן פון ווערטן פּובליקום! דער דייטשער העלד! די דייטשע קולטור! דער דייטשער מענער פאַוסט! דער דייטשער כח! דער ליבלינג פון דער עלעגאַנטער דאַמען־וועלט! ער צעמאָלט שטיינער מיט זיינע ציין! שלאָגט מיט זיין בלויזער האַנט אַליין אַריי״ן נעגל אין ברעטער! אין די דיקסטע ברעטער! מיט צוויי פינגער קען ער דערווערגן צוויי־און־דרייסיק

מענטשן! ווער עס זעט אים מוז אנטלויפן! און ווער ס'אנטלויפט ניט מוז שטאַרבן פון זיין האַנט! אויב איר ווילט האָבן געזען אייראָפּא, מוזט איר אים זען! אויב איר האָט אים ניט געזען, האָט איר די וועלט ניט געזען! אָבער דאָס איז ניט אַלץ! ביי אונז זעט איר נאָך און נאָך! איבערראַשונגען זיינע גרעסער פון דער אַנדערער! איך קאָן זיי דאָ אַלע ניט באַשרייבן... איך טאָר זיי ניט באַשרייבן... דאָס געזעץ... די מאָראַל... אָבער אינוויי־ניק... דער־ר־אי־בער... קומט אַלע אַריין אינווייניג... איר צאָלט היינט ניט קיין מאַרק! איר צאָלט היינט ניט קיין פופציק פעניג! אַזוי ווי מיר רעכענען היינט אויף אַ גרויסן באַזוך, דאַרפט איר היינט צאָלן בלויז דרייסיק, איר הערט! בלויז דרייסיק פעניג! מיינע הערן און דאַמען! אַר־ר־י־ין... אַלע אַר־ר־יין... ווער עס קומט פריער, קריגט די בעסטע פּלעצער! דער אָרקעסטער זאָל געבן דעם לעצטן צייכן! די קינסטלער אַריין און אַרויף אויף דער בינע! (גלאָקן הויבן אָן קלינ־גען, מוזיק שפּילט) צו דער קאַסע! אַלע צו דער קאַסע!...

ע ר ש ט ע מ י י ד ל (אָנווייזנדיג אויף הינקעמאַן) וואָס זאָגסטו, טערעזע, ווען מען וואָלט דעם חברה־מאַן געקאָנט אַ קנייפּ טאָן אין די מוסקולן!

צ ו וי י ט ע מ י י ד ל: אָדער אַ גלעט טאָן ביי דער ברוסט!...

באַ ל אַ ג אַ נ ש ט ש י ק: (הערנדיג זייער געשפּרעך): יאָ, יאָ, מיינע דאַמען! טאַפּט נאָר! גלעט נאָר! איר וועט ניט טאַפּן קיין קלאָטשע! איר וועט טאַפּן האַמינ־קולוס'ן... די פליישׂ־געוואָרענע דייטשע קראַפט.

עס קומען פּאול גראָסהאַן און גרעטע הינקעמאַן צערטליך געאָרעמט. אין אָנפאַנג קוקן זיי ניט אויף דעם באַלאַגאַן. בעת זיי ריידן הערט זיך ניט דער טומל און דער רעש פון דעם באַלאַגאַן. מען זעט נאָר ווי די מענשן אַרום באַוועגן מיט די הענט און דריקן אוים ערשטוינונג און פאַרוואונדערונג.

פּ אוֹ ל ג ר אָ ס ה אַ ן: איז דאָס לעבן ניט שיין, גרעטע? עס ווילט זיך פּשוט אויפזינגען פון פאַרגעניגן! ווילסטו נאָך אַמאָל פאָרן אויפ'ן קאַרוסעל? קום, גרע־טעלע, אַלץ. אַלץ קענסטו איצט ביי מיר אויספירן!

גרעטע: דאָס אַלץ איז דאָך, מן הסתם, ניט מער, ווי אַ חלום... אַלץ, ווי אין אַ מעשה'לע... זעקס יאָר פאַרגראָבן אין ווייטאָק און זאָרג, אין אומעט און פּיין. ווי אַ מויז בין איך געזעסן אין לאָך פאַרקראָכן, און האָב מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן אויף די ליכטיגע שיין... גיין, פּאול, איך פאָדער ניט פיל פון לעבן... דו דאַרפסט ניט טראַכטן, אַז איך בין אַן אויסברייִנגערקע... אַ פּראָלעטאַרישע מיידל דאַרף דאָך ניט פיל... פאַרלאַנגט דאָך ניט פיל... ווען אַלץ גייט גוט האָט זי אַ לעבן פול מי, פול שווערע אַרבעט. ווען זי הייראַט, איז זי אָנגעוויזן אויף איר מאַן, און שפּעטער, ווען זי ווערט אַלט, אויף אירע קינדער... דאָס איז, ווען עס גייט גוט. אָבער ווען עס הויבט אָן צו גיין שלעכט, דעמאָלט... דעמאָלט הויבן זיך אָן קריגערייען און שטרייטיגקייטן, און אָפטמאָל אויך געשלעגן... אָבער, אַז מיר... מיר זאָל זיין באַשערט אַזאַ זאַך... אַזאַ.

פּאול: איצט וועט זיך פאַר דיר אָנהויבן אַן אַנדער לעבן!...

גרעטע (צאַרט): דו, פּאול, טייערינקער...

פּאול: וואָס? גרעטעניו!

גרעטע: דו... (זי גיט אים אַ לאַנגן צאַרטן און הַ[illegible]רציגן קוש.)

פּאול (זעלבסטצופרידן): ווי מענטשן פאַרלירן די שאַנדע... אַזוי... פאַר אַלע מענטשן אין די אויגן... איך האָב דאָס שוין לאַנג געוואוסט... שעמעוודיקייט... דאָס איז נאָר אַזאַ באַגריף... אַזוי צו זאָגן... פאַר דעם בורזשואַ...

ער הערט זיך די שטימע פון דעם באַלאַגאַנשטשיק.

באַלאַגאַנשטשיק: האָמונקולוס! דער דייטשער בערן־מענטש!...

(די שטימע ווערט פאַרשלונגען אין אַלגעמיינעם טומל.)

גרעטע: פּאול! פּאול!

פּאול: וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? וואָס האָסטו אַזוי אויפגעשריען?

גרעטע: גיב נאָר דאָרטן... דאָרטן... אַ קוק, פּאול!... דו ווייסט ווער דאָרטן איז?

פּאול: ווער?

ג ר ע ט ע : דער אַקראַבאַט אין טריקאָ?

פּ א ו ל : פון וואַנען זאָל איך אים קענען? מן הסתם אַן אָרימער רייזענדער שווישפּילער. היינט דאָ מאָרגן דאָרטן.

ג ר ע ט ע (פאַרצווייפעלט) : דאָס איז ער!

פּ א ו ל : ווער?

ג ר ע ט ע : אייגען!

עס הערט זיך די שטים פון באַלאַגאַנשטשיק.

ב אַ ל אַ ג אַ נ ש ט ש י ק : פּרעסט ראַצן און מייז לעבעדיקערהייט, פאַר די אויגן פון אַלע מענטשן, פאַר די אויגן פון ווערטן פּובליקום! דער דייטשער העלד! די דייטשע מענער פאַוסט! האמונקולוס! דער מאַן, וואָס דונערט מיט זיינע מוסקולן! אַכטונג, ווערטעס פּובליקום!

הינקעמאַן שטעלט זיך אַוועק אין אַ פּאָזע און ווייזט זיינע מוסקולן.

דעם באַלאַגאַנשטשיק׳ס שטימע פאַרהילכט און הערט זיך ניט.

פּ א ו ל : אָבער דאָס איז דאָך אַ שרעקליכער שווינדל! אַן אָפּנאַרערײַ! אַזוי זעט אויס דער דייטשער העלד! אַ מאַן אַן... כאַ־כאַ־כאַ! אַזוי האָבן אפשר אויסגעזען די דייטשע פאַטערלאַנד־קעמפער, די ברײסלער געלט־זעק, די שרייער אויסצוהאַלטן ביז׳ן ענד, די נקמה־זוכער, אָבער ניט דער דייטשער העלד. דער באַלאַגאַנשטשיק איז אַ כיטרער יונג, ער מאַכט פּראָפיטן פון קלאַטשע!...

ג ר ע ט ע : שווייג שטיל... שווייג שטיל... ווי קענסטו זיין אַזוי אומ׳רחמנות׳דיג! און איך אַליין?... וואָס בין איך פאַר אַ פרוי?! איך בין נאָך ערגער, ווי אַ גאַסן־פרוי... יענע פאַרקויפט איר קערפּער... און איך... איך פאַרקויף מיין מאַן...

פּ א ו ל (האַלט גרעטען פעסט באַם אָרעם) : שריי ניט אַזוי, און הער איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויף מיט דיינע סענטימענטאַלע קרעכצערייען!

ג ר ע ט ע : האָסטו עס דען ניט געהערט? ער פּרעסט ראַטצן און מייז לעבעדיקערהייט! דער מאַן, וואָס האָט ניט געקאָנט טשעפּן קיין פליג אויפ׳ן וואַנט! דער

מאַן, וואָס האָט זיך צעקריגט מיט מיין מוטער, ווייל זי האָט איר פייגעלע אויסגעשטאָכן די אויגן, כדי עס זאָל בעסער זינגען! דער מאַן, וואָס האָט מיך ניט געלאָזן אוועקשטעלן אין קיך אַ פּאַסטקע, ווייל דאָס וועט זיין אַ זינדיקע קוועלעריי פאַר די מייז... און איצט... איצט פרעסט ער לעבעדיקע ראַטצן... לעבעדיקע מייז...

פּ א ו ל נו, וועסטו אים פון היינט אָן מער ניט קושן...

ג ר ע ט ע : קושן... איך וועל אים ערשט איצט קושן... אָט דאָ... דווקא דאָ... לעבן באַלאַגאַן... פאַר אַלע־מען אין די אויגן וועל איך אים קושן!... ווי האָב איך געגן אים געזינדיגט!... ווי שלעכט האָב איך געגן אים געהאַנדלט!... וואָס איז ער שולדיק אין זיין אומגליק?... וואָס איז ער שולדיג, וואָס מ'האָט אים געשאָסן? שול־דיק בין איך... איך, וואָס האָב אים געלאָזן אוועקגיין אין דער מלחמה! שולדיג איז מיין מאַמע! שולדיג איז די צייט... די צייט אין וועלכער אַזוינע שוידערליכע זאַכן קענען פאָרקומען...

פּ א ו ל : פאַרמאַך דיין מויל! מענשן קוקן זיך שוין אום... מען וואַרפט שוין אויגן אויף אונז! קום בעסער אוועק פון דאַנען. עס קען זיין, אַז ער זעט דיך...

ג ר ע ט ע : זאָל ער מיך זען! איך וויל ער זאָל מיך זען! ער זאָל זען מיין שאַנד! איך וועל זיך וואַרפן אויף די קני פאַר אים! גאָט האָט מיך פאַרשטויסן... איך בין אַ שמוציגע... לאָז מיך אָפּ! לאָז מיך... איך וויל צו אים.... לאָז מיך צולויפן צו אים...

פּ א ו ל (צודריקנדיג גרעטע'ן צו זיך) : און עס וועט דיך ווידער אַמאָל פון אים אָפּעקלען?

ג ר ע ט ע (איינפאַך) : דעמאָלט וועל איך אים נאָך טיפער, נאָך שטאַרקער ליבן.

פּ א ו ל (רייסט גרעטען מיט זיך) : דו ביזט אַראָפּ פון זינען, פרוי! דו ביזט ניט מיט אַלעמען! קום!

(עס הערט זיך די שטים פון באַלאַגאַנשטשיק.)

ב א ל א ג א נ ש ט ש י ק : אריין! מיינע הערן און דאַמען! איר וועט זען גרויסע איבעראַשונגען! (דער באַלאַגאַנשטשיק גייט אַריין צו זיך אין געצעלט).

די בינע לייזיגט זיך אָפּ, פון אַלע זייטן קומען קאָנצענטרירט אָנגערוקט איין־הענטיגע און איינפּיסיגע מלחמה־קאַליקעס מיט קאַטערינקעס. זאַרגן־פריי זינגען זיי דאָס פאָלגענדע סאָלדאַטן־ליד:

„עס פליט אַ קויל פון הינטן
אין די טרייע ברוסט אַריין!
און איך ליג אין פרעמדער ערד,
און כ׳טראַכט פון ס׳ליבסטע מיין!

פלוצים בלייבן זיי שטיין. טאַקט נאָך טאַקט רופט איינער נאָך דעם אַנדערן:

„מיין קוואַרטאַל!"

קיינער מאַכט ניט קיין מינע אַוועקצוגיין און אַנ׳אַנדערער ריכטונג ברומען אַלע צוזאַמען אַרוים:

„מיין קוואַרטאַל!"
„מיין קוואַרטאַל!"

אַ פּאָר סעקונדן שטילקייט. אַזוי ווי קיינער וויל ניט אָפּטרעטן, הויבן אַלע, ווי אויף באַפעל, ווידער אָן צו זינגען און שפּילענדיג אויף די קאַטערינקעס הויבן זיי אָן צו מאַרשירן איינע אויף די אַנדערע, אַזוי ווי אַרומגעכאַפּט פון אַ רעוואָלוציאָנערן פייער, גרייט צו שטורעמען אַ באַריקאַדע, זיי זינגען פאַנאַטיש דרייענדיג די קאַטערינקעס, דאָס ליד:

נידער מיט די הינט! נידער מיט די הינט!
נידער מיט די הינט פון דער רעאַקציע!

די קאַטערינקעס גרילצן אין ווילדן טומל איינע אין די אַנדערע אַריין. פון צוזאַמענשטויס צוריקגעשליידערט מאַרשירן די מענער ווידער איינע אויף די אַנדערע. עס קומען צולויפן עטליכע פּאָליציאַנטן. מען הערט זייערע אויסרופן:

„רו און אָרדנונג!
„אויטאָריטעט פון שטאַאט!
„אַלטע סאָלדאַטן!

אַ מאָמענטאַלע שטילקייט, ווי אַ באַקאַנטע קאָמאַנדע וואָלטן

זיי פלוצלונג דערהערט. אַ מיליטערישע אומקערונג פון די קאַליקעס. זיי מאַרשירן אָפּ אין פאַרשידענע ריכטונגען, אָבער די גאַנצע צייט אין גליכן שריט און גראַדער האַלטונג. אַוועק־מאַרשירענדיג דרייען זיי די קאַטערינקעס און זינגען מיט אַ מאָד־עם אומעטיגן נגון:

„זיגרייך וועלן מיר פראַנקרייך שלאָגן...״

די בינע בלייבט אַ רגע ליידיג. באַלד באַלעבט זי זיך ווי־דער...

אַ ן אַ ר ב י י ט ע ר פ ר ו י (צו אַ צווייטער): און אַז איך טראָג אפילו די דאָזיקע העמדער אין לייהויז צו פאַרזעצן, דאַרפט איר פונדעסטוועגן ניט דיינקען, אַז איך האָב אין דער היים, אין אַלמער, ניט קיין אַנדערע... איך פאַרמאָג אפילו אַ טייערע, אַן אויסערגעוויינליך־פיינע, זיידענע פאַלערינע... פון מיין באָבען נאָך... אָבער ס'האָט איצט ניט קיין ווערט... און מען דאַרף דאָך... נו, מוזן די העמדער אַרויסהעלפן... (גייען פאַרביי.)

גרעטע און גראָסהאַן אויף דער אַנדער זייט פון דער בינע.

ג ר ע ט ע: (פון גראָסהאַנ'ען נאָך אַלץ פעסט צוגע־האַלטן, און זיך רייסנדיק פון אים.) נ־נ־ניין!...

פ א ו ל ג ר אָ ס ה אַ ן: דו ווילסט ניט מיטגיין מיט מיר?

ג ר ע ט ע ה י נ ק ע מ אַ ן: נ־נ־ניין!

פ אַ ו ל ג ר אָ ס ה אַ ן: און ווען ער וועט וויסן, אַז דו ביסט אויף דער צייט?

ג ר ע ט ע ה י נ ק ע מ אַ ן: וועט ער מיר פאַר־געבן... ער איז אַ גוטער...

פ אַ ו ל ג ר אָ ס ה אַ ן: אַ גוטער איז ער!... ער וועט דיר דעם הייקער צוברעכן!

ג ר ע ט ע ה י נ ק ע מ אַ ן: וועט מיין שיק־זאַל זיין אַזאַ... איצט זע איך איין צו וואָס גאָט האָט מיך באַשטימט... גאָט האָט מיך נאָך אינגאַנצן ניט פאַר־שטויסן פון זיך... גאָט האָט מיך געהייסן תשובה טאָן, און איך נעם עס אויף זיך. איך וויל דינען אייגען, אַזוי ווי ער וואָלט געווען מיין גאָט!...

פ א ו ל ג ר אָ ס ה א ן : איך וועל אַליין גלייך גיין צו אים... גלייך...

ג ר ע ט ע ה י נ ק ע מ א ן : מיר וועלן ביידע צו אים גיין...

פ א ו ל ג ר אָ ס ה א ן : און איך וועל אים זאָגן, אַז דו האָסט אים אָפּגענארט...

ג ר ע ט ע ה י נ ק ע מ א ן : צו וואָס דארפסטו מיך סטראשען, פאול? איך וועל דאָך מיט דיר סיי ווי ניט גיין! מיין לעבן האָט דאָך קיינמאָל ניט באַלאנגט צו מיר. ווען איך בין אַ קליין קינד געווען האָב איך געוואַרט אויפן לעבן... שפּעטער האָב איך עס געזען פון ווייטן, און ווען איך האָב אים געוואָלט אַ כאַפּ טאָן, האָט זיך מיר מיט אמאָל אָפּגעדוכט, אַז איך האָב גראָבע, שמוציקע הענט, און דאָס לעבן זעט אויס אַזוי צארט, אַזוי ווי עס וואָלט שטענדיק ארומגעגאנגען מיט זיידענע הענטשקעס... און איך האָב דאַן מורא געהאַט ארויסצונעמען מיינע שמוציקע הענט פון אונטער'ן פאַרטוך... פאַרוואָס זאָל איעדער זען מיינע שמוציקע הענט? היינט, ווידער, קומט מיר פאָר, אַז דאָס לעבן איז אויך שמוציק, און עס לוינט זיך ניט אים אָנצוכאַפּן...

פ א ו ל ג ר אָ ס ה א ן : (זיין שטאָלץ געקריינקט און דעריבער שרעקלאך צערייצט) אויב אַזוי גיי צום טייוול, דו נארישע בהמה!... פאַראַן גענוג אַנדערע... איך דארף נאָר אויסשטרעקן מיין קליין פינגערל... זיי וועלן דאַן אַלע צופליען צו מיר ווי די בינען אויף בלאָע בלומען...

ווערן פון עולם אַריינגעשטויסן אין געדראנג. דער באַלאַגאַנשטשיק איז ארויס פון זיין באַלאַגאַן, מיט אים הינקעמאַן.

ב אַ ל אַ ג אַ נ ש ט ש י ק : מיינע דאַמען און הערן! קומט נאָר צו נענטער, נאָר אביסל נענטער, קומט אַהערצו! זעט!... הערט!... שטוינט!...

די בינע ווערט טונקל.

פערטע סצענע

אינעווייניק פון אַ קליינעם ארבעטער שיינק. אַ טאמ־באַנק, הינטער וועלכער ער שטייט אַ פעטע באַלעבאָסטע און קוקט אויף די געסט מיט אַן ענערגישן און אין דער זעלבער צייט פריינדלאכן שמייכל און באדינט זיי מיט פרייליאכע באמערקונגען. ארום ניט־געדעקטע הילצערנע טישן זיצן די געסט: מאַקס קנאטש,, פעטער אימערגלייך, זעבאלדוס, זינגעגאָט און אַנדערע. צוויי אַרבעטער, איינער אַ שינדעל־דעקער און דער צווייטער אַ ציגעל־דעקער שטייען לעבן טאמ־באנק. נאָך איידער דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף הערט מען זייערע קריגערישע שטימען.

ש י נ ד ע ל ־ ד ע ק ע ר : און ווען עס וואָלט הונדערט מאָל פאַרגעקומען אַ רעוואָלוציע, וואָלט קיין רעוואָלוציע דאָס ניט געקענט ענדערן! אַ דעקאָראציע־מאָלער שטייט העכער ווי אַ טאפעטן־דרוקער, אַ צייטונג־זעצער שטייט העכער ווי אַ פשוט׳ער ציפער־זעצער, אַ קופער־שמיד איז העכער פון אַ קעסעל־שמיד און אַ דראָשקע־טרייבער איז העכער פון אַ פשוט׳ן פור־מאַן. מיר וועלן שטענדיק בלייבן שינדעל־דעקערס, און איר — פשוט׳ע ציגעל־דעקערס.

צ י נ ע ל ־ ד ע ק ע ר : נארישער שטאָלץ! אי־דיאָטסטווא! ווייס איך וואָס! מיר וועלן זיך זעצן ביי איין טיש מיט אייך! און זיינען מיר אפילו לומפיקע ציגעל־דעקערס און ניט קיין איידעל־געקנאָטענע שינדעל־דעקערס, זיינען מיר דאָך שטאָלץ וואָס מיר זיינען ציגעל־דעקערס. שטאָלץ! יאָ, שטאָלץ זיינען מיר!

ש י נ ד ל ־ ד ע ק ע ר : מיט שינדלען אַרבעטן, דאָס איז קונסט! אָבער מיט ציגעל אַרבעטן, דאָס איז פשוט׳ע מלאכה.

צ י נ ע ל ־ ד ע ק ע ר : אָבער האָרעווען מוזן מיר פונקט אַזוי, ווי איר! און דעריבער איז ניטאָ קיין אונ־טערשיד.

ש י נ ד ע ל ־ ד ע ק ע ר : ניט די אַרבעט איז די פראגע. דער אויפטו! ווי איז געווען פאַר דער מלחמה? האָבן מיר ניט געקראָגן מיט פינף פעניג מער

ווי איר? איז דאָס ניט אַ באַווייז? שוסטער, בלייב בא דיינע לייסטן! ווען דו וועסט פון מיר היינט פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל ווערן אַ ציגעל־דעקער..., וועל איך דיר אויסלאַכן... אַפילו מיין אינגסטער זונדעלע וועט דיר דאָך אויסלאַכן... מיין שטאָלץ און מיין כבוד קען קיינער ניט אָנרירן, אַפילו ניט די רעוואָלוציע!.....

ביידע באַצאָלן און גייען. ביים אַרויסגאַנג:

ציגעל־דעקער: אָנגעבלאָזענער שינדעל־דעקער!

שינדעל־דעקער: גראָבער ציגעל־דעקער!

ציגעל־דעקער: הער באַראָן פאָן שינדעל־דעקער!

שינדעל־דעקער: די קנאה! די קנאָה! די מיאוס'ע קנאה רעדט פון דיר.

מאַקס קנאַטש: די איינִיקייט פון פּראָלעטאַריאַט! דאָס אויפגעקלערטע פּראָלעטאַריאַט! ניטאָ קיין קלאַסן־אונטערשיידן באַם פּראָלעטאַריאַט! פּע! צום טייוול! (דערזעט הינקעמאַנ'ען, וועלכער איז נאָר־וואָס אַריינגעקומען און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ לוי־דיקן טישל). אייגען הינקעמאַן! ווי קומסטו אַהער?...

הינקעמאַן: (אָפּגעהאַקט, רוי) מיין האַלז איז געווען טרוקן, איך האָב געפילט אַ געשמאַק, ווי פון בלוט פון ווילדע חיות... אַן עקלדיקן גיפט־געשמאַק, וואָס האָט מיר דעם האַלז צוביסן... איך האָב געמוזט טרינקען שנאַפּס... גאָט אין הימל!... איך בין דאָך ניט קיין פריידיקער פון וואַסער־טרינקער... מעג איך דאָך אויך אַמאָל וועלן אַ שאַרפן טרונק טאָן! וואָס איז זיך דאָ צו וואונדערן?

מאַקס קנאַטש: וואונדערן? גאָט זאָל אָפּהיטן! פאַרוואָס זאָל איך זיך וואונדערן? איך דאַרף איבערהויפּט ניט קיין גיפט־געשמאַק, כדי אַריינצוגיין אין שיינק... ווען איך קום צו צו מיין הויז און דערמאָן זיך אָן מיין קיך, וואָס דינט אונז פאַר אַ זאַל און פאַר אַ וואוינונגס־צימער, און פאַר אַ וואַש־צימער און פאַר אַ ביידים צום טריקענען וועש; ווען איך טראַכט

ווענן די אָרימע, עלענדע, אויסגעדאַרטע קינדערלאַך... ווענן מיין פרוי, די אויסגעמוטשעטע און צוואָווייטיקטע, און הער איר הוסט... קער איך זיך אום פון מיטן טרעפּ און גלייך... אין שיינק אריין... דעם אמת גערעדט, זיינען מיר, מענער, ניט אַן שולד. מויל־העלדן זיינען מיר... מויל־העלדן... אויף יעדער פאַרזאַמלונג רעדן מיר צו פרעמדע מענשן פון דעם נייעם אמת'ן לעבן... ווען מיר קומען אָבער אין דער היים... ביי אונזערע אייגענע פרויען.. קענען מיר ניט אַריבערברייננגען קיין וואָרט איבער די ליפּן...

בעת קנאַטש רעדט איז מיכל אונבאַשוועררט אריינגעקומען.

מ י כ ל א ו נ ב א ש ו ו ע ר ט (האָט געהערט די לעצטע ווערטער און הויבט אָן נאָך שטייענדיק אין טיר:) יאָ, דאָס גליק וואוינט היינטיקע צייטן אין די פּאַלאַצן אויף די דאַטשעס... דאָרטן, האָבן זיי צוואַנציק צי־מערן און זיי איז נאָך אַלץ איינג. דער קריג אָבער האָט דעם פונדאַמענט צעטרייסעלט. עס טרעסטשעט שוין און קנאַקט, און מען קע שוין זען, ווי עס באַווייזן זיך לע־בער אין די ווענט:... עס ציטערן שוין די קני פון יענע וואָס האָבן אַ שלעכטן געוויסן, ווענען זייער שלעכטער געוויסן לאָזט ניט שלאָפן... מען הערט שוין, ווי עס קלאַפּן זייערע ציין אויף זייערע בלייכע פּנים'ער... עס ווערט ליכטיקער, גענאָסן... עס ווערט ליכטיקער!...

ז ע ב א ל ד ו ס ז י נ ג ע נ אָ ט : דיין ליכט איז ניט דאָס אמת'ע ליכט. דיין ליכט איז נאָר אַ פלאַקער פאַר די טויערן פון דעם גן־עדן! דיר דוכט זיך, אַז יעדער אַרבעטער איז אַ סאָלדאַט פון דער פּאַר־טיי! עס זיינען אָבער פאַראַן אַ סך אַרבעטער וואָס זוכן זייערע אידעאַלן אַנדערשוואו, און דאָס ווילסטו ניט איינזען!

ה י נ ק ע מ אַ ן : דו רעדסט פון גליק, גענאָסע אונבאַשווערט. איך האָב שוין לאַנג נאָכגעטראַכט וועגן דעם, וואָס איינענטליך איז דאָס אמת'ע גליק. און... ווייסט... איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג... אַז מיר... מיר ווען דאָס גליק קענען ברייננען צו יעדן איי־נעם... דאָס אמת'ע גליק, מיין איך... דאָס גליק איז

(שוועער אָטעמענדיק) עפּעס אַזוינס, וואָס איינער האָט און
וואָס אַ צווייטער האָט ניט...

מ י כ ל א ו נ ב א ש ו ו ע ר ט: דאָס זיינען
בירגערלאַכע אויסטייטשונגען, געגנאָסע הינקעמאַן! דריי־
נע ווערטער קלינגען מיר אמת קאָמיש (מיט'ן פּאַטאָס
פון אַ פאַרזאַמלונגס רעדנער) פון דעם שוים פון דער היס־
טאָרישער אַנטוויקלונג פון די פאַרהעלטניסן וועט אַרויס־
קריכן, וועט געבאָרן ווערן די נייע געזעלשאַפטס אָרד־
נונג, ווי דער מזרח ים און דער צפון ים עסן זיך אַלץ
מער און מער איין אינ'ם לאַנד, און מיר באַמערקן עס
ניט, אַזוי וועט דער סאָציאַליסטישער שטאַאַט אַריינ־
וואַקסן אין אונזער לעבן ניט באַמערקטערהייט... דאָס
איז ניט קיין נאַרישע פאַנטאַזיע! דאָס איז וויסנ־
שאַפטליך באַוויזן געוואָרן... דאָס גייט אין איינקלאַנג
מיט די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי. דאָס איז פּשוט,
ווי קען דען אויספעלן גליק? מיר וועלן מער ניט
פּאַבריצירן קיין זיידענע העמדער, ווייל אַ פּאָר פוילע
ווייבלאַך פּאַסט ניט צו טראָגן קיין אַנדערע העמדער,
ווי זיידענע. מיר וועלן צוערשט פּאַבריצירן וואָלענע
העמדער, כדי די, וואָס האָבן נאָך ניט קיין העמדער,
זאָלן האָבן וואָס צו טראָגן. אַזוי אַנטוויקלען זיך פאַר־
העלטניסן, וואָס ווערן אַנטוויקלט פון שכל. אין דריי
ווערטער: אַ פאַרנינפטיקע געזעלשאַפט... און אַ פאַר־
נינפטיקע געזעלשאַפט באַשאַפט אַ גליקלאַכערע עקזיס־
טענץ. און אויף אַזאַ אופן וועט די מענשהייט אַריינ־
שפּרינגען פון אַ וועלט פון נויטווענדיקייט אין אַ וועלט
פון פרייהייט. דאָס איז דאָך זייער איינפאַך. (זיך צו
קנאַטש'ן ווענדנדיק): יענע אָבער וואָס גלויבן, אַז זיי
קענען אַריבערשפּרינגען די היסטאָרישע צווישן־צייטן,
— יענע ראַדיקאַלע משוגעים און בעלי־חלומות פון מזרח,
וואָס גלויבן, אַז זיי קענען אויפן אָרט פון וויסנשאַפט
אַוועקשטעלן דעם גלויבן... יענע... — — —

מ א ק ס ק נ א ט ש: (אים אַריינפאַלנדיק אין
די רייד) יענע וועלן פון אייך פאַרדאַמט ווערן. איך
ווייס! אַבי איר האָט נאָר געפונען אַ פּשט'ל. דיר
פעלט נאָר די שטריימל פון אַ גלח. גייט נאָר אָן אַזוי,
אַפּעלירט ווייטער צום ווילן פון די מענשן! ווען די

מענשן וועלן ניט האָבן קיין רעוואָלוציאָנערן ווילן, וועלן אייערע טעאָריעס פון פאַרהעלטעניסן און צושטאַנדן ניט העלפן! און ווען די מענטשן וועלן האָבן אַ רע־וואָלוציאָנערן ווילן, וועלן זיי אין אַלע פאַרהעלטענישן און צושטאַנדן איינפירן אַ נייעם לעבן! און איינפירן גלייך, זיי וועלן ניט זוכן צו חקירה׳ן און צו וואַרטן אויף די פאַרהעלטנישן און צושטאַנדן! איר אָבער! איר זוכט צו פּאָלגן, צו געהאָרכן, אָבער איר ווילט ניט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט! און צוריק גערעדט, ווען די פאַרהעלטנישן זיינען געווען גרייט און מען האָט גע־דאַרפט טאָטן, האַנדלונגען, דעמאָלט האָט איר זיך אָפּגע־זאָגט, דעמאָלט זייט איר אין דער היים ניט געווען!

זעבאַלדוס זינגענאָט: אויף דיין ליכט איז ניט דאָס אמת׳ע ליכט, מאַקס קנאַטש! איך האָב זיך אויפגעכאַפּט געגאָסן! איך האָב געזען דאָס אמת׳ע ליכט אויפלייכטן און בין אוועק צו אים, צום הימלישן ליכט...

פעטער אימערגלייך: מיר איז אַלץ איינס, אבי איך האָב נאָר מיין רו.. מיין רו... ווען אימי־צער וועט דאָס וועלען צונעמען פון מיר, דאַן!...

מיכל אומבאַשווערט: דו באַלאַנגסט ניט צו קיין שום פּאַרטיי, קנאַטש, דו ביזט אַן אַנאַרכיסט... ווער עס באַלאַנגט ניט צו קיין שום פּאַרטיי, דער איז צו קיינעם ניט פאַראַנטוואָרטליך. מיט דיר לוינט זיך ניט צו קריגן. אויב דו ווילסט דיסקוטירן נעם פריער אַרויס אַ פּאַרטיי ביכל! און דו, זינגענאָט, דו ביסט ניט גענוג אויפגעקלערט, דו ביסט ניט קלאַסנבאַוואוסט. איך זאָג נאָך אַמאָל: די פאַרהעלטנישן — דאָס איז די הויפּט־זאַך! אַלע אַנדערע זאַכן קומען פון זיך אַליין. דאָס איז דאָך אַזוי איינפאַך...

הינקעמאַן (ענטפערט אומבאַשווערט׳ן): אפשר איז עס טאַקע איינפאַך, אַ סך אמת איז פאַראַן אין דעם וואָס דו זאָגסט... דו האָסט מיר אַרויסגערעדט פון דער נשמה... אָט די מעשה מיט די זיידענע העמדער און מיט די וואָלענע העמדער... דעם מענטשן איז שלעכט ווען ער הונגערט... פריער פּין אַלץ דאַרף מען אים געבן אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ און עסן, און אַ ביסל שיינקייט, איידער מען

פארלאנגט פון אים ער זאל זיין גוט... אפשר בין איך צו ווייניק אנטוויקלט דאס אלץ צו פארשטיין... דאס אלץ צו זען אזוי קלאר און צו באגרייפן אזוי ריכטיק, ווי דו... דו ביזט א פארטיי־אגיטאטאר און דו באגרייפסט גיכער... (אזוי ווי מיכל אומבאשווערט פילט זיך געטראפן און וויזט ארויס א מינע פון ערגערניש) ניט מיין אז איך זאג עפעס געגן דער פארטיי. פאר'ן פראלעטאריער איז די פארטיי עפעס אנדערש ווי פאר'ן פשוט'ן בירגער... פאר'ן בירגער איז די פארטיי א פארטיי און ניט מער... פאר'ן פראלעטאריער איז זי... ניט קוקנדיק אויף אלע אירע פעלערן און פלעקן... ניט קוקנדיס אויף אלע אירע שמויז־ווארפער.. מער, מער, א סך מער... זיין גלויבן אין מענטשן, זיין רעליגיע שעפט ער אין דער פארטיי... אבער, זאג מיר, ווען א מענטש איז קראנק... אינווייניק קראנק... אדער אויסערלאך קראנק.... אומהיילבאר קראנק... קאנען דעמאלט פארבינפטיקע אומשטענדן און פארהעלטנישן אים געזונט מאכן ?...

מיכל אומבאשווערט: איך פארשטיי דיך ניט. רייד קלאר, וואס מיינסטו דערמיט ?

הינקעמאן: יא, זינט איך בין אין קריג פארוואונדעט געווארן, הויב איך אליין אן צו גלויבן אז מיינע געדאנקען זיינען אביסל פארדרייט... יעדן פרימארגן ווען איך שטיי אויף, קאסט מיך א סך אנשטריינגונג כדי אלץ, וואס אין מיר געפינט זיך צו ברייגען אין ארדנונג, כדי אלץ, וואס פאלט אויף מיר אן, וואס רירט מיך אן, וואס איך פיל, — ארייצופרעסן אין ווערטער און געדאנקען... דאס לעבן איז אזוי מאדנע... אזוי פיל געפילן באפאלן א מענטשן און מען פארשטייט ניט, וואס עס עגבערט זיין הארץ... מען זעט ניט קיין זין אין לעבן... מען פרעגט זיך, אויב מען באגרייפט איבערהויפט דאס לעבן... צו דאס איז ניט פונקט אזוי ווי וועלן אויסשעפן דעם ים... צי דאס איז אזוי ווי מען וואלט זיך אליין געוואלט באגרייפן... און דאס קען מען ניט... מען קען זיך נאר אויסלעבן, אבער ווען מען קוקט אויף צוריק איז עס דאך גאר עפעס אנדערש, ווי מען האט גערעכנט צו לעבן. מען רעדט

זיך איין, אז מען איז א שטיק לעבן און מען לעבט... און דאָס אַלץ... ווער עס וויל דעם „אמת" ארויס־שטודירן געפינט זיך אין דער זעלבער לאַגע פון יע־נעם מענטשן, וואָס וויל פון א בוים ארויסקוועטשן דעם אמת... אזוי איז עס ביז מען קומט צו זיך... אין דער פרי ווען מען שטייט אויף איז א כאָאָס אין דער נשמה, אין ביי נאכט, ווען מען גייט שלאָפן איז ווי־דער דערזעלבער כאָאָס... אזוי, ווי איידער מעשה בראשית... איר פארשטייט... איך וואָלט זיך אליין גע־וואָלט דייטלאכער אויסדריקן... קורץ, מיר האָבן אזוי פיל קאַליקעס זינט נאָך דער מלחמה... וואָס וועט זיין מיט זיי?

מיכל אונבאשווערט: זיי וועלן נאַ־טירלאך ווערן געשפייזט, באקליידט... די געזעלשאפט וועט זיי אונטערשטיצן און זיי וועלן קאָנען זיין פונקט אזוי גליקלאך, ווי די אנדערע מענטשן....

הינקעמאַן: ווען אָבער, למשל, איינעם פעלט אַן אָרעם?

אונבאשווערט: וועט ער קריגן א קינסט־ליכן ארעם, און ווען ער וועט קענען ארבעטן, וועט מען אים געבן א גרינגע ארבעט.

הינקעמאַן: און ווען איינעם פעלט א פוס?

אונבאשווערט: וועט אים די געזעלשאפט העלפן פונקט אויף אזא אופן ווי דעם, וואָס פעלט אן ארעם.

הינקעמאַן: און ווען איינער איז קראַנק אין זיין נשמה?

אונבאשווערט: (גראָב, ניט סענטימענטאל) אים וועט מען אוועקשיקן אין א הייל אנשטאלט. אָבער פאר קיין פאל ניט אין אזא הייל־אנשטאלט, וואו די אויפזעער גלויבן, אז זיי האָבן צו טאָן מיט א חיה... די קראַנקע וועלן דאָרטן באהאנדלט ווערן מיט ליבע. זיי וועלן באהאנדלט ווערן ווי מענטשן...

הינקעמאַן: איך רייד דאָ ניט פון די, וואָס זיינען קראַנק אין קאָפ אָדער אין מאַרך... איך מיין

אזעלכע, וואָס זיינען געזונט און דאָך קראַנק אין זייער נשמה?

אונבאַשווערט: אַזוינע זיינען ניט פאַראַן! ווער עס האָט אַ געזונטן קערפּער, האָט אויך אַ געזונטע נשמה. דאָס זאָגט דאָך דער קלאָרער מענטשן־פאַר־שטאַנד. ענטווערער ער איז געזונט אָדער ער איז קראַנק, און אויב ער איז קראַנק באַלאַנגט ער אין אַ הייל־אַנ־שטאַלט.

הינקעמאַן: אויב אַזוי אַן'אַנדער פראַגע. ווען, למשל, איינער, וועלכער איז געווען אין קריג (זיך שטיקענדיק מיט די ווערטער) למשל... למשל... דאָס געשלעכט... דאָס געשלעכט... פון אַ שאָס... נו... וואָס ווערט מיט אים געשען אין דער נייער געזעלשאַפט?...

(פעטער אימערגלייך שיסט ארויס מיט אַ שטילן גע־לעכטער).

אונבאַשווערט: (זיך מיט אַ טאַשן־טיכל אָפּ־ווישענדיק דעם שווייס פון שטערן) וואָס פאַר אַ פאַר־פּלאָנטערטע פראַגן דו שטעלסט עס! מיר ווערט הייס פון זיי! (צו אימערגלייכ'ן) דאָ איז ניטאָ וואָס צו לאַכן, גענאָסע אימערגלייך... אַזאַ זאַך האָט געקאָנט פּאַרקומען.

מאַקס קנאַטש: וויינען אָבער קאָן מען דאָך פון אַזוינע רייד זיכער ניט.

זעבאַלדוס זינגעגאַט: צו אַזוינעם מוז דאָס הימלישע ליכט פון זיך אַליין קומען. די רחמנות'דיקע ליבע דאַרף דאָס צו אים ברייגנען...

אונבאַשווערט: יאַ, ווען איך זאָל דיר אויף דעם ענטפערן... ווען איך זאָל דיר אויף דעם ענטפערן... די מאַטעריאַליסטישע וויסענשאַפט, אויף וויפיל מיר איז באַוואוסט, קאָן ניט אַזאַ פּראָבלעם... (פאַרטראַכט זיך אַ רגע) אַי בין איך אַ נאַר!... האַ־האַ־האַ! איך האָב דעם ענטפער! די צוקונפטיקע געזעלשאַפט וועט דאָך קיין מלחמות ניט האָבן. דער גראַדער מענטשן־פאַר־שטאַנד דערקלערט דאָך דאָס. נו, ווען אַזוינע פאַלן ניט קענען פאַרקומען. דאָס איז גאַנץ פּשוט.

הינקעמאן: אזוי פשוט, ווי דו מיינסט, איז דאס ניט. ווען די נייע געזעלשאפט וועט געגרינדעט ווערן, וועלן אין איר בלייבן די קריפלס פון דער אלטער. ווי וועלן זיי קאנען זיין גליקלאך? אגב קאן דאך איינער ביי א מאשין אדער ערגעץ אנדערש וואו פארלירן... און וואס דאן? ווי וועט מען אים גליקלאך מאכן?...

מאקס קנאטש: דאס זיינען ניט מער ווי השערות. דער מענטש איז גליקלאכער, ווען ער טראכט ניט פון אזוינע זאכן. און מיר, פראלעטאריער, דארפן אין אונזער רעוואלוציאנערן קאמף זיך ניט אפגעבן מיט אזוינע חקירות. די מענטשן מיט וועמען אזוינע אומגליקן טרעפן זיך זיינען די קרבנות. און דאס פראלעטאריאט האט דאך אויך א רעכט צו האבן קרבנות...

הינקעמאן: אזוי דיינק איך אויך. אבער מען קען דאך ריידן וועגן דעם. אזוינע פראגן זיינען דאך א שטיק לעבן. און וייל מיר ריידן שוין וועגן דעם, וויל איך אייך געבן מיין ענטפער. איך וועל אייך דערציילן א קליינע געשיכטעלע... געווען אמאל א מאן... ניט קיין אויסערגעוויינלאכער מאן, ניט קיין פירער. איינער פון דער מאסע, אן ארבעטער. ער איז געווען א פריינט מיינער. איך האב אים ליב געהאט. צו צוואנציק יאר האט ער חתונה געהאט. זיין פרוי האט געארבעט אין דער זעלביקער פאבריק. האבן זיי זיך באקאנט און זיך פארליבט. א שיינע פאר געווען. איך האב זיך שטענדיק געפרייט, ווען איך האב זיי ביידן געזען צוזאמען. זי א צארטע ווייבעלע. ער — אייזן און שטאל... נאך שטארקער און קרעפטיקער, ווי איך... און שטאלץ איז ער געווען אויף זיין קראפט... אה, ווי שטאלץ!... ווען די גרויסע וועלט־מלחמה האט אויסגעבראכן האט מען אים צוגענומען. אין אינפאנטעריע. קיין קינדער האבן זיי ניט געהאט. זיי האבן ניט געוואלט האבן. זיינע שכירות האבן ניט אויסגעטראגן. ווען ער איז נאך געווען אין דער היים האט ער זיין פרוי ליב געהאט. דאס פארשטייט זיך. אבער ערשט דארטן, אויפ'ן שלאכטפעלד, האט זיך אים גע־

דאכט, אז ער זעט זי, ווי זי איז אויף צו נ'אמת'ן אזוי גוט... אזוי ליב... זיין הארץ איז אים ווארעם געוואָרן, ווען ער האָט געטראַכט וועגן זיין ווייבעלע... און שטענדיק האָט ער וועגן איר געטראַכט... איין גרויסן וואונש האָט ער געהאַט. לאַנגזאַם איז דער וואונש צו אים געקומען... אַ קינד!... ניין! צוויי... דריי... פיר.. פינף קינדער!... אינגלאַך!... מיידלאַך!... וואָס פאַר אַ טייערע מאַמעלע זיין ווייבעלע וואָלט געווען! פאַרגעסן האָט ער ווי אין אַן אָרימער פאַמיליע זעט אויס, וואו עס זיינען פאַראַן אַ סך קינדער. וואָס ווייסן מיר, אָרימע פאַמיליען, פון לעבן, פון דער נאַטור, פון דער ערד, פון וואַלד! די גאַנצע וואָך געלעבט אין שקלאַפעריי און זונטיג אין אַ קינעמאַטאָגראַף צו זען אויסגעטראַכטע, ליגנערישע בילדער... מען האָט אונז געוויזן, ווי דער רייכער פּריץ שלעפּט ארויס פון בלאָטע אַן אָרימע מיידל און מאַכט איר פאַר אַ פּריצטע, און נאָך אַזוינע נאַרישקייטן. מיין גאָט, וואָס פאַר אַ לעבן האָבן מיר געפירט! אַ פאַלשן לעבן. אַ נאָכגעמאַכטן לעבן! אַ מאַשין לעבן!... נו, איינמאָל אין אַ שלאַכט איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן. אַ שאָס. אַ הייםשאָס האָט ער זיך געטראַכט. איצט וועט ער קענען קומען צו זיין פרוי. און ער איז געווען גליקלאַך. מען האָט אים נאָך ביז דעמאָלט ניט געהאַט אָפּגעלאָזן אַהיים. בעת ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין האָספּיטאָל האָט ער אַרומגעטאַפּט זיין קערפּער. ער האָט דערפילט, אַז זיין בויך איז ארומגעבונדען... אהא! אַ שאָס אין בויך! האָט ער זיך געטראַכט, און איז געווען צופרידן. דאַן האָט ער דערהערט פון אַ צווייטער בעטל: „אונזער יעוונוך האָט זיך שוין אויך אויפגעכאַפּט!” ווען ער וועט זיך דערוויסן, וואָס זיי האָבן פון אים געמאַכט, וועט ער... — מיינען זיי דאָס מיך? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. פאַר וואָס זאָגן זיי „יעוונוך”? ער איז געבליבן ליגן אַ שטייפער. ער האָט אויף גיך פאַרמאַכט די אויגן. אַזוי מאַכט מען צו די אויגן, ווען מען וויל ניט זען עפּעס זייער ניט אַנגענעמעס. די נאַכט האָט ער ניט געשלאָפען. אויף מאָרגן אין דער פרי האָט ער זיך דערוואוסט... צוערשט

האָט ער גערעוועט... גערעוועט שעה'ן לאַנג, ווי אַ ווילדער אָקס, ווי אַ פאַרוואונדעטער לייב. אָבער דאַן האָט ער איינגעזען, אַז דאָס וועט אים גאָרנישט העלפן. און ער איז פאַרשטומט. ער האָט געוואָלט טראַכטן פון זיין פרוי. אָבער ווי ער האָט עס נאָר געוואָלט טאָן האָט ער ווידער פאַרמאַכט די אויגן און האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אַ שטייפער אויפ'ן בעט, אָן באַוועגונג, אָן באַוואוסטזיין, ווי דעם ערשטן טאָג נאָך דער אָפּעראַציע... האָט ער זיך געוואָלט אויפהייבגען, האָט אים געפעלט דער מוט... ער איז געקומען אַהיים. פריער איז ער אַריין צו מיר... מיר זיינען דאָך געווען גוטע פריינט... וואָס זאָל ער טאָן? ווי עס דערציילן זיין פרוי? מיר זיינען מוראשקעס אַריבער איבער מיין קערפּער. „אַזוינער ביזטו איצט, אַזוינער" — האָב איך זיך געטראַכט. איך האָב געהאַט מיטלייד מיט אים אָבער איך האָב געפילט צו אים אַ מין ווידערווילן... ווען איך האָב זיך אָבער אַריינגעטראַכט, האָב איך פאַרשטאַנען זיין לאַגע... שוידערליך! איך האָב קיין עצה ניט געפונען... איך האָב אים באַטראַכט. איך האָב באַדויערט זיין פרוי און איך האָב געזען ווי ער האָט געליטן. אָבער וואָס האָב איך געזען פון אים, וואָס זעען מיר איינע פון די אַנדערע, איז וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? דאָ זיצסטו און דאָ זיץ איך. איך זע דיך. ווי זע איך דיך?... אַ פּאָר הענט זע איך און אַ פּאָר ווערטער הער איך. דאָס אַלץ... מיר זיינען גאָרניט איינע צו די אַנדערע... מיר ווייסן גאָר ניט איינע פון די אַנדערע... (אַרויסשיסענדיק) ער האָט דאָך געמוזט דורכגיין דעם גאַנצן גהינום! ער האָט דאָך געמוזט זיין אָפּגעגאָסן מיט בלוט... בלוט... אַז ער האָט עס געקאָנט אַריבערלעבן, איז דאָך געווען אַן אמת'ער וואונדער... אָבער איין טאָג איז ער צו מיר געקומען, און איך האָב גלייך געזען, אַז ער זעט אויס שענער. געוויינליך זאָגט מען ניט ווענן אַ מאַן, אַז ער זעט אויס שענער, אָבער אַזוי איז דאָס געווען. מען האָט גלייך געקאָנט זען, אַז ער איז געוואָרן אַן אַנדערער, אַז ער איז רייך, אַז ער איז גליקלאַך... און די אורזאַך? זיין פרוי האָט אים ניט פאַראַכט. זיין פרוי האָט אים ניט

פארשטויסן. זיין פרוי האָט אים ניט געהאסט און ניט אָפּגעלאַכט פון אים... זי האָט געמאָגט טאָן וואָס זי האָט נאָר אַליין געוואָלט... נאָך אַלעמען איז זי דאָך געווען אַ געזונטע פרוי, און ער אַ קראַנקער מאַן... ער האָט אָבער געוואוסט, אַז זי האָט אים ליב... ליב ניט קוקנדיק אויף אַלץ!... זיין פרוי האָט אים... איך ווייס נישט, ווי איך זאָל עס אייך זאָגן... איך ווייס ניט, אויב איר וועט עס מיר גלויבן... זיין פרוי האָט... ליב געהאַט... זיין נשמה...

(שטילקייט).

(פאול גראָסהאַן קומט אַריין אַ שיכורער).

פאול גראָסהאַן: אַ גוטן אָוונט! וואָס איז דאָ ביי אייך אַזוי שטיל! מוזיק! מוזיק! (ער וואַרפט אַריין אַ מטבע אין דעם מוזיק אויטאָמאָט און די מאַשין הויבט אָן צו פידלען, צו קלאַפּן, צו פּויקן און צו טרומייטן אַ מיליטערישן מאַרש. ער האָט זיך אָוועקגע־זעצט ביים טיש, וואו הינקעמאַן איז געזעסן).

פאול גראָסהאַן: אַ גוטן אָוונט! אייגען!

הינקעמאַן: גוטן אָוונט!

פאול גראָסהאַן: (מיט אַ זיך פּלאָנטערענ־דיקער צונג פון אַ שיכורן) ווי קומט עס, וואָס דיין גרע־טע... וואָס זי האָט דיך געלאָזט גיין... דיך... דו... הא־הא!... דו דייטשער העלד!...

הינקעמאַן: וואָס מיינסטו?

פאול גראָסהאַן: דו פליישׁ געוואָרענע דייטשע קראַפט! הא־הא! פרעסט ראַצן און מייז לעבעדיקערהייט! הא־הא!

הינקעמאַן: פון וואַנען ווייסטו דאָס, פאול? רייד שטיל... עס איז אַזוי שרעקליך, וואָס איך טו. מיט ווערטער קען מען דאָס ניט אויסדריקן. עס איז שרעקלאַכער, ווי איך וואָלט זיך אַליין דורכגעביסן מיי־נע אָדערן... עס זיינען פאַראַן זאַכן, וואָס טאָרן קיין מאָל ניט געטאָן ווערן און דאָך טו איך אַזאַ זאַך... ווי זאָל איך עס דיר דערקלערן?... גרעטע קריינקעלט, די פּענסיע איז ניט גענוג... איך קען דאָך ניט העלפן,

אז איך בין ארבעטסלאָז... און דו ווייסט, פרויען הויבן אָן זייער ליכט צו האסן א מאַן, ווען עס פעלט זיי דאָס נויטווענדיקסטע.. דו ווייסט דערפון ניט... איך פארזיכער... דו זאָלסט גרעטען ניט דערציילן... גיב מיר דיין ערן־וואָרט, גיב מיר...

פ א ו ל ג ר אָ ס ה א ן : נו גוט. האָסטו מיין ערן־וואָרט.

ה י נ ק ע מ א ן : גרעטע איז דאָך אזא מאָדנע. ווען זי וואָלט געהערט, אז איך שלינג ראצען־בלוט און מייזן־בלוט, וואָלט זי... איך ווייס ניט... איך גלויב אָבער... אז זיי... איר וואָלט אָנגעהויבן צו עקלען פון מיר..

פ א ו ל ג ר אָ ס ה א ן : (פלוצים אין ווילדן צאָרן) דו... די גאַנצע מעשה מיט דעם שטאַרקסטן מאַן, מיט'ן דייטשען העלד איז שווינדל. ווען די פאָליציי וועט זיך דערפון דערוויסן !...

ה י נ ק ע מ א ן : (פארדעכטיקט) וואָס מיינסטו דער־מיט ?

פ א ו ל ג ר אָ ס ה א ן : וואָס איך מיין דער־מיט ? ווענן וואָס איך רייד ? איך האָב דיר געגעבן מיין ערן־וואָרט, ווייל איך דאַרף אים מער ניט האַלטן. נו, וועל איך דיר אויסזאָגן : גרעטע האָט דיך שוין געזען.

ה י נ ק ע מ א ן : (אויפגערעגט) וואָס האָט זי גע־זאָגט ?... האָט זי געוויינט ?... רייד... זאָג...

פ א ו ל ג ר אָ ס ה א ן : געוויינט ? וואָס, צום טייוועל, האָט זי געהאַט צו וויינען ? זי האָט געלאַכט ! אין אָנפאַנג האָט עס איר געעקעלט... דערנאָך האָט זי זיך צולאַכט...

ה י נ ק ע מ א ן : (אויסער זיך) צועקשט האָט זי זיך געעקעלט... דערנאָך האָט זי געלאַכט... גע... געלאַכט... גע... לאַכט... הא...הא... הא..

פ א ו ל ג ר אָ ס ה א ן : ווי זאָל מען ניט לאַכן פון איינעם... וואָס גיט זיך אָן... פאַר דעם... שטאַרק־סטען מאַן... הא־הא־הא... און איז איבערהויפּט גאָר קיין מאַן ניט ! גאָר ניט קיין מאַן !...

הינקעמאן (ווידער זייער רואיק) ווער... ווער האָט דיר דאָס געזאָגט?

פאול גראָסהאן: ווער? גרעטע!

הינקעמאן: ווען?

פאול גראָסהאן: לעבן באַלאַגאַן.

הינקעמאן: ווי קומט איר צום באַלאַגאַן?

פאול גראָסהאן: וואָס האָסטו געוואָלט, אַז אַ יונגע פרוי זאָל לעבן, ווי אַ מאָנאַשקע? ווי מיר זיינען געקומען צום באַלאַגאַן? וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? דאַרפסט זיך שעמען צו שטעלן אַזאַ פראַגע.

הינקעמאן: שעמען? איך דאַרף זיך שעמען?

פאול גראָסהאן: ווער דען איך? אָדער גרעטע? ווער גיט דיר אַ רעכט צוצובינדן צו זיך דיין פרוי? דו ווייסט דאָך, אַז זי האָט אפילו אַ געזעצלאַכן גרונט אויף אַ גט! אפילו די קאַטוילישע קירך, וועלכע לאָזט קיין גט'ן ניט צו, אפילו זי...

הינקעמאן (רואיג, ביטער שמייכלענדיק): זעסטו, דאָס האָב איך אין גאַנצן פאַרגעסן. צו ערשט שיקט מיך דאָס פאָטערלאַנד אַרויס אין מלחמה, מאַכט מיך פאַר אַ קאַליקע, און ווען איך קום צוריק אַ צושאָסענער קאַליקע, האָט מיין פרוי אַ געזעצלאַכן גרונט זיך צו גט'ן. דאָס האָב איך, זעסטו, פאַרגעסן. איך האָב אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז די וועלט איז אַזוי איינגע־שטעלט... און דו? וואָס ווילסטו טאָן?... איך מיין דו מיט גרעטע'ן?...

פאול גראָסהאן: וואָס אַרט דאָס דיך?...

הינקעמאן: דאָ האָסטו ווידער רעכט. אייגנ־טליך קומט עס מיר ניט. וואָס איז דאָס מיין זאַך. איך בין דאָך אַ געזעצלאַכער גרונט פאַר אַ גט. איך, אַזוי ווי איך שטיי און גיי!... אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז גרעטע איז אַ פרעמדע פרוי און איך... איך בין דיינער אַ פריינט. וואָס דיינקסטו צו טאָן? זאָג מיר!

פאול גראָסהאן: (שטייף) האָבן פאַרגעניגן.

הינקעמאן: גרעטע איז דאָך ניט קיין גאַסן־פרוי... איך מיין... מיר קענען דאָך רואיק אָננעמען...

אפשר שפּעטער... אַלץ קען דאָך מעגלאָך זיין.. אָבער דערוויילע... לאָמיר זאָגן, דער מאַן אירער וועט גרעטען באַפרייען... וועסטו מיט איר דאַן חתונה האָבן?...

פּאול גראָסהאַן: זי וויל דאָס גאָר ניט. זי זוכט אויך ניט מער, ווי פאַרגעניגן. מעגסט עס וויסן. און ווען זי וועט ביי מיר ניט קריגן גענוג פאַר־געניגן, וועל איך איר... פאַראַן גענוג...

הינקעמאַן: (שטיל, אָבער מיט ווילדן צאָרן) דו... דו לומפּ... וואָס דו ביזט!...

פּאול גראָסהאַן: אַזוי... האַ?... איך בין אַ לומפּ?

מאַקס קנאַטש: וואָס איז דאָרטן צווישן אייך? וואָס קריגט איר זיך דאָ אין שיינק? גייט בעסער אַהיים און קריגט זיך מיט אייערע ווייבער!...

פּאול גראָסהאַן: מיר קריגן זיך ניט. מיר לאַכן נאָר.

מאַקס קנאַטש: אויב אַזוי וואָלט איך גע־וואָלט זען, ווען איר קריגט זיך.

פּאול גראָסהאַן: מיר זיינען געווען אויפ'ן מארק־פּלאַץ און האָבן...

הינקעמאַן: (כאַפּט גראָסהאַנ'ען ביים ארבל) פּאול... איך בעט דיך... ניט פאַר מיר... ניט צוליב מיר... צוליב גרעטען בעט איך דיך... שווייג...

פּאול גראָסהאַן: (מאַכט זיך ניט וויסענדיק) און מיר האָבן דאָרטן געזען דעם שטאַרקסטן מאַן פון דער וועלט!... אין אַ באַלאַגאַן... אַ בערן מענטש.... ער האָט געפרעסן ראַטצן און מייז... לעבעדיקערהייט...

מאַקס קנאַטש: נאָר אייראָפּעער קען אַזאַ זאַך געפעלן!

פּאול גראָסהאַן: און ווען איך האָב דעם חברה־מאַן באַטראַכט, האָב איך אים דערקענט און האָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט: דער שטאַרקסטער מאַן אויף דער וועלט איז געווען מיינער אַ באַקאַנטער, וועלכן מען האָט אויף דער מלחמה (מאַכט אַ באַוועגונג) פּיף־פּאַף!... איר פאַרשטייט... ער איז מער ניט... ער איז מער ניט קיין מאַן!...

(אַלע, אפילו זעבאלדוס זינגענגאַט און מיכל אונבאַ־שווערט לאַכן זיך הויך פאַנאַנדער. דער געלעכטער רייסט נאָך מער אויף הינקעמאַנ'ס שוין אַזוי אויך ברייט אויפ־געריסענע, מיט בלוט אָנגעגאָסענע אויגן).

פ א ו ל ג ר אָ ס ה א ן: (אריינשרייענדיק אין דעם געלעכטער פון די אַנדערע) ער איז...

(אין דעם דאָזיקן מאָמענט הויבט זיך הינקעמאַן אויף פון זיין אָרט, בלייבט שטיין אינמיטן שיינק אונטערן העלן ליכט).

ה י נ ק ע מ א ן: (אין אָנפאַנג שווער און זוכענדיק ווערטער, דערנאָך מיט ווילדער ליידענשאַפט, אָבער פשוט, אָפענהאַרציק) ער איז אייגען הינקעמאַן! נו, לאַכט דאָך! אַלע, אַלע, לאַכט! לאַכט אַזוי, ווי זיין פרוי האָט געלאַכט! לאַכט נאָר ווייטער! אַזאַ שווישפּיל דאָט איר דאָך נאָך קיינמאָל ניט איבערגעלעבט! זעט נאָר! קוקט נאָר אַהער! וועט איר זען, ווי עס שטייט פאַר אייך אַ לעבעדיקער יעוונוך! איר ווילט אפשר הערן, ווי איך זינג? (מיט אַ געבראָכענער שטימע, זינ־גענדיק) „צו וואָס נאָך וויינען, ווען מען גייט זיך פאַ־נאַנדער!“... זינג איך דען ניט אַזוי גוט, ווי אַ בלינדע פייגעלע?... איר נאַרען! וואָס ווייסט איר דען פון די קוואַלן פון אַן אָרימער באַשעפעניש? ווי אַנדערש וואָלט איר געדאַרפט ווערן, כדי צו קענען בויען אַ נייע געזעלשאַפט! נו, באַקמעפט זשע ווייטער די בורזשו־אַזיע און ווערט פאַרצווייפלט פון דער פינסטערניש און רעדט וועגן זעלבסט גערעכטיקייט, אין האַרצנס־פוילקייט! איינער האַסט דעם אַנדערן, ווייל ער באַ־לאַנגט צו אַן אַנדער פאַרטיי קרייזל, ווייל ער שווערט אויף אַן אַנדער פּראָגראַם! קיינער האָט ניט קיין צו־טרויען צו זיך אַליין! ניטאָ קיין אויפטו, וואָס ווערט ניט דערשטיקט אין רייסעריי און פאַרראַט. ווערטער האָט איר, שיינע ווערטער, הייליקע ווערטער! איר רעדט פון אייביקן גליק. די ווערטער זיינען אָבער גוט נאָר פאַר געזונטע מענטשן! איר זעט ניט אייער באַ־גרענעצטקייט... עס זיינען פאַראַן מענטשן, וועמען קיין שטאַאַט, קיין געזעלשאַפט, קיין פאַמיליע און קיין גע־

מיינזאמקייט קאָן ניט ברייננען קיין גליק! ווען איר
הערט אויף מיט אייערע הייל מיטלען, הויבט זיך ערשט
אָן אונזער צער...

דאָ שטייט דער מענטש אליין.

דאָ עפנט זיך אויף אן אָפגרונט, וואָס הייסט:
אָן טרייסט!

דאָ רונדט זיך אוים א הימל, וואָס הייסט: אָן
גליק!

דאָ וואַקסט א וואלד, וואָס הייסט: שאנד און
שפּאָט!

דאָ שוימט א ים, וואָס הייסט: לעבערליך!

דאָ ווארנט א פינסטערניש, וואָס הייסט: אָן
ליבע!

ווער אָבער וועט דאָ העלפן?

(אַ פּאָר סעקונדען שטילקייט. הינקעמאַן קייקלט זיך, ווי א שיכורער, ארוים דורכ'ן טיר).

מאקס קנאטש: וואוהין לויפסטו?

הינקעמאן: (ווי עפּעס וואָלט זיין פּנים פאר-
קרימט און זיין שטים פארטויבט) די פרוי, זי האָט גע-
לאכט!

(דאָס וויימערע שפּילט זיך אָפּ גיך. די בינע האלב פינסטער. די איינציקע געשטאַלטן קען מען נאָר דערקענען צו זייערע שטריכן).

מיכל אונבאשווערט: (לויפט ארוים דורך
דער טיר) הינקעמאַן! הינקעמאַן!.. אוועק... ווען מען
וואָלט עס נאָר געוואוסט! ווען מען וואָלט זיך נאָר
געקאָנט פאָרשטעלן!... די שענדלאכע וועלט איז שול-
דיק, די שענדלאכע וועלט, אין וועלכער מיר לעבן...

זעבאלדלום זינגעגאָט (אין עקסטאַז):
איך האָב אויסגעלאָשן דאָס הימלישע ליכט! איך האָב א
מענשלאכע נשמה פארשפּאַט! איך האָב פון א גע-
קרייציקטן געלאכט!

פּאול גראָסהאן: (וויינעריש-ברימענדיק)

אָבער איך מוז אים דאָך לויפן צו הילף... מען מוז אים דאָך העלפן...

פ ע ט ע ר   א י מ ע ר ג ל י י ך: גראָסהאַן, דו מעגסט עס וויסן... דו ביזט אַ שופט! אַ לומפּ!

מ אַ ק ס   ק נ א ט ש: (מיט אַ חאַרטן בליק זיך אויפהויבנדיק) אַלץ איז אַזוי איינפאַך! אַלץ אַזוי פּשוט! גאָרנישט איז איינפאַך! גאָרנישט איז פּשוט! פֿעלנערין! באַצאָלן!

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

דריטער אַקט

ערשטע סצענע

(בלויז אָנגעדייט: אַ גאַס ביים ברעג שטאָדט. בין לשמשות. ווען דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף זעט זיך אין פאָדערגרונט הינקעמאַן אַרומכאַפּנדיק אַ לאַמטערן. אַ קליינער אינגעל גייט צו אים צו).

קליינער אינגל: שוועסטערל איז דרייצן יאָר אַלט.

הינקעמאַן: (ווי אין חלום) ס'קען זיין.

קליינער אינגל: שוועסטערל איז שיין, שוועסטערל איז ערשט דרייצן יאָר אַלט.

הינקעמאַן: (מעכאַניש) דו ביזט הונגעריק?

קליינער אינגל: שוועסטערל האָט אַן אייגענעם צימער. שוועסטערל איז ערשט דרייצן יאָר אַלט.

הינקעמאַן: (קויפט פון אַ גאסן־קרעמערקע בייגל. גיט זיי דעם אינגל) דיין שוועסטער איז ערשט דרייצען יאָר אַלט... און ווי אַלט ביזטו?

קליינער אינגל: זיבן יאָר... (הויבט אָן עסן די בייגל) איך דאַנק אייך... אָבער מיט אייך צו רעדן לוינט זיך ניט... איר זיינט אַזוי נאַריש... איר פאַרשטייט ניט... איר ווייסט ניט, וואָס מען רעדט מיט אייך....

(דער קליינער אינגל לויפט ווייטער. די לאַמטערנעס ווערן ליכטיק, די גאַס באַלעבט זיך. עס קומט דער באַ־לאַגאַנשטשיק מיט אַ גראָען מאַנטל און אַ צילענדער הוט. אַביסעלע פאַרשנאַשקעט).

כ א ל א ג א נ ש ט ש י ק : וואָס איז דאָס? דאָס איז דאָך... דאָס איז דאָך הינקעמאַן! האַלאָ הינקעמאַן! שטעלט זיך ניט אַזוי עפענטליך אויף דער גאַס. זעלטנהייטן דאַרפן זיך ניט אַראָפּלאָזן צו די מאַסן... אַ מאַן, ווי איר דאַרף ניט געוויזן ווערן אַן איינטריטס געלט... אַ נומער ווי איר... מיט אַזאַ נו־מער קען גאַנץ אייראָפּאַ איינגענומען ווערן, מיט אַזאַ נומער קען אַמעריקאַ צום צווייטן מאָל אַנטדעקט ווערן... וואָס גלאָצט איר אויף מיר אַזוי מיט די אויגן? איר זעט דאָך אויס, ווי אַ שטן, ווי אַ שד!...

ה י נ ק ע מ א ן : הער דירעקטאָר... די וועלט איז ווידער פול מיט מאָרד! הער דירעקטאָר, קוקט זיך נאָר אַרום! קוקט זיך נאָר אַרום! איך בין, פאַרשטייט איר מיך, אויך זעענדיק געוואָרן, הער דירעקטאָר. זיי האָבן מיר מיין בלינדקייט אַוועקגע־נומען. דאָס בייסענדע ליכט! נאַכט! עס זאָל ווערן נאַכט! עס זאָל ווערן נאַכט!

ב א ל א ג א נ ש ט ש י ק : ניין! איר קומט מן הסתם פון שיינק? עס האָט שוין געווירקט! הינקעמאַן, פּאַסט אויף! פאָלגט אַן עצה פון אַן ערפאַרענעם מענשן! ס'איז שטענדיק בעסער אַ פלאַש וויין, איידער אַ גלעזעל בראַנפן. אַ גאַנץ גוטער גע־שעפט פאַר די שיינקערס, אָבער עס ווירקט זייער שלעכט אויף די טרינקערס.

ה י נ ק ע מ א ן : ניין, הער דירעקטאָר. ס'האָט זיך געלוינט. זיי האָבן מיר די אויגן געעפנט, איך בין זעענדיק געוואָרן ביז אויפן גרונט זע איך, ביז אויפ'ן נאַקעטן גרונט! די מענטשן זע איך! די צייט זע איך! הער דירעקטאָר, דער קריג איז ווידער דאָ. די מענטשן מאָרדן זיך מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן! די מענשן מאָרדן זיך מיט געלעכטער!

ב א ל א ג א נ ש ט ש י ק : נו, זייער שיין, וואָס איר זיינט זעענדיק געוואָרן. אויב אַזוי מעגט איר דאָך איינזען, אַז קיין מענטש טראַכט איצט ניט פון מלחמה! מיט ווייזן קריגס־שווערליכקייטן קענט איר

היינטיקע צייטן קיין פעניג ניט פארדינען! **אוים**, איצט איז קולטור־טריאומף אין אייראָפּא! ביי דעם קען מען פארדינען הונדערט פראָצענט! ווי אַלץ באַוועגט זיך, ווי אַלץ טאַנצט און לעבט און פרייט זיך און גייט אַרום אויף די קעפּ! עפּנט נאָר אויף אייערע אויגן! איצט מוז מען עפּעס אויפטאָן! אויפטו! דאָס איז דער שליסל צו אונזער צייט! גלייכגילטיק, וואָס? וועלט־באָקסער! פאַלקס־פירער! וואַליוטע־שיבער! וועלט באַנק דירעקטאָר! זעקס־טאָג־לויפער! שימי־טענצער! פאַך־מיניסטער! נקמה־טגיטאַטאָר! שנאַפּס פאַבריקאַנט! נביא! מייסטער־טענאָר! דייטשער נאַציאָנאַל־העלד! אידן פרעסער! געשעפט בליט! מע מוז נאָר פארשטיין! אַלץ, אַלץ קען מען היינט אויסנוצן! פון אַלץ קען מען היינט געלט מאַכן! די נויטיקע מאָס באַגייסטערונג קריגט מען אומזיסט! האַ־האַ! כ'האָב אַמאָל אין האַמ־בורג... אַ נעגערקע... אַ ראַסע זאָג איך אייך... פייער... נו, ביז מאָרגן... זייט נאָר אין צייט!...

ה י נ ק ע מ אַ ן : הער דירעקטאָר, דערמיט איז עס אוים!

ב אַ ל אַ גאַ נ ש ט ש י ק : איר מאַכט שפּאַס! איר זאָגט וויצן! דאָס איז שיין! איצט, ווען איר זיינט שוין אריינגעפאָרן... איצט ווען איר קענט עס שוין טאָן אונטער די טענער פון מוזיק... (זינגט) „טריי ווערט געפירט". באַכטש!... דער ערשטער בים!... (זינגט) „עס ציט מיך אהין"... מיינע הערן און דאַמען, דאָ ווערט בלוט געלעקט!! (זינגט) וואו דער זעגן פון דער ליבע היט אָפּ אייך פון אַלץ... ווער וויל נאָך אַמאָל זען? ווער קען דאָס נאָכאַמאָל זען?.. האָמונקולוס ....היים! אויסגעשלאָפן דעם קאָנציאָמער און מאָרגן אין צייט!

ה י נ ק ע מ אַ ן : נעמט ניט פאר אומגוט, הער דירעקטאָר... איך קען מער ניט קומען... איך האָב נאָך אפילו אביסעלע פון אייער געלט, הער דירעקטאָר, אָבער איך וועל אייך צוריקגעבן... קיינער קען ווענן מיר ניט זאָגן, אז איך האָב ביי אימיצן פארכאַפּט,

אָדער אַז איך האָב אימיצן אָנגעזעצט... איך פאַרזיכער אייך אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג...

באַלאַגאַנשטשיק: וואָס? איר מיינט עס טאַקע ערנסט מיט'ן שפּילן? ניין, פריינטעלע! מיט מיר מאַכט מען ניט קיין שפּאַס! שפּאַס איז שפּאַס און ערנסט איז ערנסט! ווער האָט אונטער־געשריבן אַ קאָנטראַקט פאַרן גאַנצן סיזאָן? איך אָדער איר? (ברוטאַל) ניין! איך זאָג אייך איך וועל אייך לאָזן דורך געוואַלד... דורך דער פּאָליציי וועל איך אייך צווינגען צו אַרבעטן פאַר מיר! מאַן! ווייסט איר דען ניט, אַז קאָנטראַקט איז פונדאַמענט פון דער געלערנטער געזעלשאַפט? מאַן! איר שפּילט זיך מיט היילינקייטן פון אַ פאָלק! די מאַכט פון שטאַאַט שטייט הינטער מיר!... ס'וועט אייך גאָר ניט העלפן! מאַן! ענטוועדער איר קומט מאָרגן פרי פּינקטליך צו דער אַרבעט, אָדער איר וועט קומען באַ־גלייט פון פּאָליציי (די שטימע פאַרענדערענדיק), קיין לייטישע געלעכטער, הינקעמאַן! איך מיין נאָר איי־ער טובה! איך וויל אייך פאַרהיטן פון תפיסה!

הינקעמאַן: איר זעט, הער דירעקטאָר, איר רעדט פון תפיסה. די ראַצן און די מייז וועמען איך בייס דורך די העלדזער זיצן אין תפיסה... אין תפיסה, איידער איך שיק זיי צו דער תליה... און מאַנכע מענטשן זיינען פריי און זיצן דאָך אויך אין תפיסה... און זיי האָבן גאָר נישט פאַרבראָכן... גאָרנישט... ווי די מייז אין די פאַסטקעס... אַרום אַ פענסטער מיט גראַטעס, וואָס לאָזט ניט אַריין קיין ליכט. אַרום מויערן, וואו דאָס לעבן שטאַרבט אָפּ... און קייטן, וואָס שניידן זיך אַריין אין פלייש... מיך קענט איר ניט אָפּשרעקן, הער דירעקטאָר... (שרייענדיק, פול האַס) איר זיינט דער שטן הער דירעקטאָר! דער שטן זיינט איר!... איר פּיטערט די מענטשן מיט בלוט... איר נעמט ביי זיי צו די שאַנ־דע... די שעמעוודיקייט!... איך... איך... אָך איך... אָבער אַנדערע וועלן קומען און זיי וועלן אייך... ווייסט איר אויך, אַז עס איז פאַראַן אַ פרוי... אַ פרוי... וואָס האָט געלאַכט פון האָמונקולוס'ן... און די דאָזיקע פרוי איז

מיין פרוי... (פאַרביסן) זי האָט מער פון אַלעמען גע־לאַכט... די פרוי... זי... אָבער איצט וועט זי וויינען... יאָ וויינען וועט זי... די פרוי... אָבער... וואַקס אין די אויערן, וואַקס... געקנאָטן פון געלעכטער און פון שפּאָט!

באַלאַגאַנשטשיק: (דערשראָקן און פאַרוואונ־דערט) גיט נאָר אַ קוק אויף אים... די גאַנצע צייט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער קען קיין צוויי ווערטער ניט אויס־ריידן, און איצט... איצט האַלט ער העץ־רעדעס!... וואָס טו איך?... ווער בין איך?... איך ברייננ נוצן אין לאַנד ווי יעדער אנשטענדיקער געשעפטסמאַן... (מיט אַ געמאַכ־טער פרייליכקייט) אָבער מען דאַרף איך דאָך איצט ניט נעמען ערנסט, הינקעמאַן. איר זענט דאָך שיכור, הינ־קעמאַן! מאָרגן וועלן מיר זיך דורכריידן. אריין אין קרייז פון פאַרגעניגן און געטראָמפּעלט! ענטוועדער מען דרייט אַליין, אָדער מען פאַלט אונטער די רעדער!... און דערצו נאָך אַ מענטש מיט אייער טאַלאַנט!... נו, ביז מאָרגן, איר העלד פון סעזאָן! ביז מאָרגן!... (גייט גיך אָפּ).

הינקעמאַן: (אַליין) מאָרגן... ווי ער האָט דאָס געזאָגט... מאָרגן... אַזוי ווי עס וואָלט נאָך קומען אַ מאָרגן! אַזוי ווי עס וואָלט מוזן קומען אַ מאָרגן! אָה, איך זע... איך זע... אָה, דאָס ליכט! אָה, מיינע אויגן... מיינע אויגן... (הינקעמאַן ברעכט צוזאַמען. צייטונגס־אינגלאַך לויפן איבער דער בינע).

ערשטער צייטונגס אינגל: עקסטראַ! גרויסע סענסאַציע! די עפענונג פון וויקטאָריאַ באַר! נאַקעטע טענץ! דזשעז בענד! פראַנצויזישע שאַמ־פּאַניער! אַמעריקאַנער מיקסער!

צווייטער צייטונגס אינגל: אָוונט אויסגאַבע פון גענעראַל אַנצייגער! לעצטע סענסאַציע! פּאָגראָמען אויף אידן אין גאַליציע! פייער אין דער שול! טויזענט מענטשן אומגעקומען לעבעדיקערהייט!.. אַלע פאַרברענט!

אַ שטימע: בראַוואָ! אַלע אידן קיין גאַ־ליציע!

דריטער צייטונגס אינגל: טריאַ־טריי! שענסטע פילם קינסטלערין פון אייראָפּאַ! טריאַ־טריי

שפּילט הויפּט ראָלע אין פאַרברעכער־דראַמע: „לוסט־מערדערקע פון פערצען מענער“! סענסאַציאָנעל! ברור־טאָל! שמייסט די געפילן!...

(דורכגייענדיק)

ליבע מאַשינקע: ער איז געווען אזוי ליב, אזוי נאַאיוו... נו, בין איך געבליבען די גאַנצע נאַכט... איך האָב זיך באַנוגענט מיט די פּאָר מאַרק...

איר קאָלעקטאָר: אַ פּאָר פּרעסק אין מאָר־דע! ווען דו וועסט נאָך אַמאָל ווידער ווי אַ פּרינצע־סין... נאָר פון ליבע...

ליבע מאַשינקע: אזוי אָבער, ווי איך בין דאָך איצט סאַי ווי קראַנק און...

(גייען פאַרביי).

פערטער צייטונגס אינגל: פּעסט אין פינלאַנד! מאַמעס דערטרינקען זייערע קינדער! סענ־סאַציאָנעלע באַריכטן! רעוואָלוציע פון פּראָלעטאַריאַט! אונזער רעגירונג שיקט הילף אויפצוהאַלטן רו און אָרד־נונג! הונדערט געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן אויפ׳ן וועג קיין פינלאַנד!

פינפטער צייטונגס אינגל: נייער גייסט אין דייטשלאַנד! ווידערערוואַכונג פון אַנשטענדי־קייט! אונזער צייט — אַ דאָרן פון קריסטוס׳ן! אויפ־פירונג פון אַ רירענדער פילם־דראַמע „די פּאַסיאָן פון הער יעזוס קריסטוס“! באַרימטער גלין גלאַנדרא אין דער הויפּט ראָל פון יעזוס׳ן. פילם קאָסט צוויי הונדערט מיליאָן מאַרק! אלס צוגאָב דער פּרייז־פייט צווישן דעמפּסי און קאַרפּענטיע!

זעקסטער צייטונגס אינגל: גרעסטע ערפינדונג פון צוואַנציקסטן יאָר הונדערט! לעוויציט! וואונדער פון טעכניק! אויסערגעוויינלאַכער גיפט גאַז! לופט־פליהער סקאַדראָן קען צושטערן אַ גאַנצע אַרמיי, קען צושטערן גרעסטע שטאָט אין אַ רגע! ערפינדער באַשטימט אלס ערנמיטגליד פון אַלע אַקאַדעמיעס פון אַלע לענדער!

פאפסט דערהויפט אים און מאכט אים פאר אן אדעל־מאן!

זיבעטער צייטונגס אינגל: דאלאר פאלט! דאלאר זינקט! געבורטן צוואוואקסן אין אויס־זיכט! לעצטע סטאטיסטיק! גרויסע פרייד בא באפעל־קערונגס־פראפעסארן!

אכטער צייטונגס אינגל: וועלט באנק פאר'ס ארימע פאלק! הונדערט פראצענט דיווידענד! לעזונג פון דער סאציאלער פראגע! לעזונג פון דער סאציאלער פראגע!

(צוויי אלטע פוילישע אידן גייען איבער דער בינע)

ערשטער איד: וואס זאל איך אייך זאגן? זיי האבן אונז געשלאגן! זיי האבן אונז געריסן פון די בעטן אין דער פינסטערער נאכט! זיי האבן גענומען אונזערע ווייבער און טעכטער... גאט האט אונז גע־שטראפט... גאט האט אויף אונז צרות אנגעשיקט...

צווייטער איד: וואס הייסט צרות? מיר זיינען דאך דאס אויסדערוויילטע פאלק! אי, זיינען מיר אויסדערוויילט!... אויסדערוויילט צו ליידן... אויסדער־וויילט אויף צרות! אה! וואס פאר גנאדן דער רבונו של עולם שיקט אונז....

(גייען פארביי).

די אלטע בייגל פארקויפערקע: באליידיקט נים דעם נייעם משיח, מיין הער, באליידיקט אים נים. ער גיט אונז, אלטע פרויען, נייע האפנונגען. דער מארגן־שטראל גייט אויף. דער לאנגדערווארטעטער ציון אילז נאענט...

קונה: און מיט די זיסע רייד נעמט ער ביי אייך צו די לעצטע אפגעשפארטע גראשנס.

די אלטע בייגל פארקויפערקע: וואס האבן מיר דען אזוי פון די פאפירלאך? קען עס דען אן אלטע סקראמבעלע ווי מיר גיין ערגער? איך שרעק זיך נים מער פאר די פלאגענישן פון אונזער וועלט. איך האב איר געהאט איבערגענוג. און מיין

נשמה ביינקט איצט נאָך אויסלייזונג, און איך ווייס אַז ציון איז נאָענט...

(אַריבער)

(אַ הענדלער שפּאַרט זיך צו אַ מאַן מיט אַ מאָנאָקל)

הענדלער: — נייסטער מיטל געגן מענער שוואַכקייט! אמת גוט! ווירקונג גאַראַנטירט.

מאַן מיט'ן מאָנאָקל: עה... איך גע־ברויך מיין אייגן מיטל.

הענדלער: ווייס איך וואָס! אייער מיטל ווערט ניט מער פאַבריצירט. האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט פּראָפּיטבריינגענד, אייער מיטל איז היינט אַ נאָמען פון אַ שוואַוואַקס... מיין מיטל איז... (גייען פאַרביי).

אויסרוף: דאָ ליגט אַ מאַן!

די שלאַק אָדער די פּאָליקע!

פּאָליציי!

אַ שטים: דאָס איז האַמונקולוס פון באַלאַגאַן! דאָס קומט פון זויפן ראַטצען־בלוט! עס איז ניט קיין וואונדער!

אַ פּאָליציסט: מן הסתם אַ ספּאַרטאַקיסטען בעסטיע... מיינט, אַז ס'איז רוסלאַנד... עה... קורצער פּראָצעס... אַריינגערוקט די פּאַדלע אַ רעוואָלווער אין האַנט... האָט זיך אַליין געמוזט דערשיסן, אַזוי אָט מיט'ן קלאַב... און פריער אויף באַפעל: „דייטשלאַנד, דייטש־לאַנד איבער אַלץ!" הע־הע־הע... חברה מוז מען לער־נען... מיט'ן קנאַפּעל און גענוּק...

אַ מיליציאַנט: אונזער פריי קאָרפּס האָט קיינמאָל ניט גענומען קיין געפאַנגענע... אַ באַפעל: אין צווייטן קאָרפּס... טרעטסט אים אַרויף אויפ'ן הינער־אויג. שפּרינגט ער אויף... אַ שאָס... און דערנאָך: „גע־מאַכט אַ פּאַרזוך צו אַנטלויפן"...

(פון אַלע זייטן לויפן אָן גאַסן פרויען)

ערשטע גאַסן פרוי: האַמונקולוס קאָן באַ מיר שלאָפן. ברייַנגט אים צו מיר. איך וועל אים געבן וויין, וועט ער באַלד קומען צו זיך.

צווייטע גאַסן פרוי: ניין!... ברייננגט אים צו מיר!... צו מיר!...

דריטע גאַסן פרוי: צו מיר! צו מיר!

פערטע גאַסן פרוי: דו אַלטע שקאַפּע! צו דיר די לעצטע! דו האָסט דאָך אַפילו ניט קיין פּאַליציי ביכל! דו גיי בעסער אַוועק מיט גוטן איידער...

(דריטע און פערטע גאַסן פרויען צושלאָגן זיך. פון אַ דערבייאיקער גאַס הערט זיך מיליטער־מוזיק. צווערשט קליינע פייפלאך און פליוטן, דערנאָך טרומייטן און גרויסע פּויקן. דאַן אַ מאַרש).

דער עולם: סאָלדאַטן! הורא! הורא!

אַלע לאָזן איבער הינקעמאַנען און אנטלויפן. די גאַס ווערט פּלוצים ליידיק. אַפילו די לאַמטערנעס זיינען צוליב די פרייד איבער די סאָלדאַטן קליין און טונקל געוואָרן. די מיליטער מוזיק פאַרהילכט פון דער ווייטן. הינקעמאַן הויבט זיך אויף.

הינקעמאַן: און איבער מיר דער אייביקער הימל... און איבער מיר די אייביקע שטערן....

(בינע פאַרטונקלט זיך)

צווייטע סצענע

בלויז אָנגעדייט: הינקעמאַנ׳ס וואוינונג. מאַקס קנאַטש שטייט וואַרטענדיק ביים טיש. הינקעמאַן קומט אריין. אין דער האַנט אַן איינגעוויקלט פּעקל. זיינע אויגן האָבן אַ פיבערהאַפטן גלאַנץ. זיינע באַוועגונגען זיינען, אין געגענזאַץ צו פריער, נערוועז.

מאַקס קנאַטש: איך האָב אויף דיך געוואַרט, הינקעמאַן... איך האָב דיר געוואָלט זאָגן די אורזאַכן פאַר וואָס...

הינקעמאַן: ניט נויטיק, ליבער שכן, ניט נויטיק. אורזאַכן איבערצייגן ניט. געפילן איבערצייגן נאָר. ווייסט, וואָס איך טראָג דאָ אין האַנט?

מאַקס קנאַטש: פון וואַנען זאָל איך...

הינקעמאַן: דאָ טראָג איך די אורזאַך. ניט די אורזאַכן. די אורזאַך. איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַ

פענסטער, קוק איך אריין, ווייס איך ניט זאָל איך לאַכן אָדער וויינען. איך פאַראַמך די אויגן, ווייל איך דיינק, אַז איך חלום אפשר. ווען איך עפן זיי ווידער אויף ליגט עס נאָך אַלץ אין פענסטער. איך גיי אריין אין קראָם און פרעג פאַר וואָס זיי האַלטן דאָס אין פענסטער, זאָגט מען מיר דאָס איז אַ פּריאַפּיס. אַזוי ווי איך פאַרשטיי ניט, דערקלערט מיר דער קרעמער, אַז די אַל־טע גריכן און רוימער האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ גאָט. פרעג איך: די פרויען? ניין — ענטפערט ער — די פרויען און די מענער. איז עס צום קויפן? יאָ. אויף אָפּצאָלונג? ניין, ער האַלט ניט פון דעם. האָב איך זיך ענטשולדיקט. אַן ארבעטער, זאָג איך אים איז דאָך געוואוינט אַלץ צו קויפן אויף אָפּצאָלונג. לאָז אים איבער מיין זייגער און נעם מיט דעם גאָט.

(הינקעמאַן וויקלט אויף אַ קליינעם אייזערנעם פּריאַפּ, שטעלט אים אַוועק אויפ'ן קאָמאָד, צינדט אָן אַ ליכט און שטעלט זיך אַוועק לעבן אים.

מאַקס קנאַטש: (גוטמוטיק ריידענדיק) דו פילסט זיך ניט מיט אַלעמען, הינקעמאַן... מען קען עס זען אויף דיר... דו ביזט קראַנק...

הינקעמאַן: מעגליך.

מאַקס קנאַטש: ווייסט... איך מיין דאָך נאַר... איך וועל דאָ בלייבן מיט דיר ביז דיין פרוי וועט קומען...

הינקעמאַן: האָסטו שוין אַמאָל געזען מענשן אויפ'ן גאַס?

מאַקס קנאַטש: וואָס פאַר מאָדנע פראַגן דו שטעלסט שטענדיק.

הינקעמאַן: שטענדיק גייט מען דורך די גאַסן, ווי אַ בלינדער. און מיט אַמאָל הויבט מען אָן צו זען. קנאַטש, עס איז שרעקליך, וואָס מען זעט. די נשמה זען מען. און ווייסטו, ווי די נשמה קוקט אויס? ניט עפּעס לעבעדיקס איז זי. איין נשמה איז דער קאַרק פון אַ חזיר. אַ צווייטע — אַ מאַשין. אַ דריטע — אַ קאָלעקטאָר פון גאַסן־פרויען. אַ פערטע — אַ פּאָלי־ציסט, אַ פינפטע — אַ מיליציאַנט... האָסטו שוין גע־

זען אמאָל אַ פויגעלע מיט אויסגעשטאָכענע אויגן?... (ניט אָפּוואַרטענדיק דעם ענטפער פון אים) די זינד פון די מאַמעס נעמען נקמה פון די קינדער ביז'ן פערטן דור... ניט אַזוי, האַ?... נו, אַ גוטע נאַכט, קנאַטש. נעם ניט פאַר אומגוט... איך ווייס שוין... איך ווייס שוין.. דער גרונט... די אורזאַך... די אורזאַכן...

מאַקס קנאַטש: עס וואָלט אפשר געווען בעסער, אַז איך זאָל בלייבן.

הינקעמאַן: ניין. גיי נאָר... גיי נאָר... גרעט־טע וועט באַלד קומען... אין שיינק... דאָרט איז עס געווען נאָר פון די שנאַפּס...

מאַקס קנאַטש: אויב אַזוי... אַ גוטע נאַכט, איינגען...

הינקעמאַן: אַ גוטע נאַכט, מאַקס.... איין פראַגע נאָר: ווי לאַנג ביזטו פאַרהייראַט?

מאַקס קנאַטש: דריי און צוואַנציק יאָר.

הינקעמאַן: דו האָסט זיך, דאַכט זיך, אמאָל געוואָלט גט'ן?

מאַקס קנאַטש: אַזאַ געדאַנק האָב איך גע־האַט. אָבער מען האָט זיך אין די פילע יאָרן אַזוי צו־געוואוינט. און דאַן די קינדער. די קינדער זיינען דער צעמענט...

הינקעמאַן: דער צעמענט... די קינדער... שווי־דונג... דאָס הייסט זיך אָפּטיילן פון בעט און טיש, ניט אמת?

מאַקס קנאַטש: יאַ, אַזוי הייסט עס.

הינקעמאַן: און דיין פרוי איז פרום?

מאַקס קנאַטש: זי לאָזט קיינמאָל ניט דורך קיין גאָטעס־דינסט. וואָס קען מען טאָן. נו, זאָל זי גיין אין קירך, אויב עס געפעלט איר. ווען מען אַרט עס. (לעבן טיר) נו, אַ גוטע נאַכט, איינגען.

(מאַקס קנאַטש גייט. הינקעמאַן אַליין.)

הינקעמאַן (צו פריאַפּ'ן) ניטאָ קיין גאָט אוי־סער דיר. ווי זיי נאַרן זיך אָפּ און באַשווינדלען זיך, כדי זיך ריינצוואַשן. זיי בעטן דעם געקרייציקטן. אין אמת'ן אָבער בעטן זיי צו דיר! יעדע תפילה איז

דיר געווידמעט. יעדע ברכה איז אַ ראָזענקראַנץ פאַר דיין נאַקעטקייט. יעדע פּראָצעסיע — אַ טאַנץ לכבוד דיר! דו טראָגסט ניט קיין מאַסקע. דו באַהאַלסט זיך ניט אין צבוע'קישע ווערטער. דו ביזט דער אלף און דער תוף, דער אָנפאַנג און דער ענד! דו ביזט דער אמת, דער גאָט פון אַלע פעלקער... דו האָסט דיין קנעכט פארשטוויסען, מיין גאָט, דער קנעכט האָט אָבער גע־בויט אַ מזבח... הא? איך גלויב, אַז ער לאַכט!... לאַך, לאַך! נאָר לאַך! די מענטשן האָבן איבער מיר געלאַכט אָן אַ גרונט, אָן אן אורזאַך. נו, לאַך דו איצט... דו האָסט דאָך אַ רעכט צו לאַכן!

(אַ גערויש אויף דער טרעפּ).

היינקעמאַן: גרעטע קומט... עס ווערט נאַכט און בלינד ווערן מיינע אויגן...

(די אַלטע פרוי היינקעמאַן קומט אַריין).

די אַלטע פרוי היינקעמאַן: גוטן אָוונט.

היינקעמאַן: דו ביזט עס... אַ גוטן אָוונט, מוטער. וואָס ברייגנט דיך אַהער אַזוי שפּעט ביינאַכט? זינט ווען גייסטו ביינאַכט אויפ'ן גאַס? האָט דיך די וואַרימע זומערלופט ארויסגענאַרט?... די שוואַלבן זיי־נען היינט געפלויגן הויך אין הימל, עס וועט זיכער זיין אַ שטורעם.

די אַלטע פרוי היינקעמאַן: ער איז צוריק געקומען.

היינקעמאַן: ווער?

די אַלטע פרוי היינקעמאַן: דער פאָטער.

היינקעמאַן: וועלכער פאָטער?

די אַלטע פרוי היינקעמאַן: דיין פאָטער.

היינקעמאַן: מאַמע, וואָס רעדסטו? מיין פאָטער איז דאָך געשטאָרבן, ווען איך בין געווען אַ האַלב יאָר אַלט. דו האָסט עס מיר דאָך אַזוי פיל מאָל דערציילט!

די אלטע פרוי הינקעמאן: איך האָב דיר געזאָגט א ליגן. אמת איז אז ער איז געשטאָרבן. פאר מיר איז ער געשטאָרבן. א האלב יאָר אלט ביזטו געווען. איך האָב דיך גענערט מיט אָט די ברוסט, וואָס איז איצט פארוועלקט און פול מיט קנייטשן. דעמאָלסט איז ער אין אָוונט געקומען אהיים א שיכור'ער. ביים אָרים א פרוי. איינע, וואָס ער האָט אויפגעקליבן אויפ'ן גאס. „ווייב!" — האָט ער א געשריי געטאָן צו מיר. „דו גיי היינט שלאָפן אהיים, צו דיינע עלטערן, איך דארף יונג בלוט. ביי דיר פרירט מיך. זינט דו האָסט גע־באָרן דעם אינגל ביזטו ניט מער ווי געווען.. איך האָב אים אָנגעקוקט ווילד, האָב אויף אים אויסגעגלאצט א פאָר אויגן... און פלוצלינג... איז ניט מער געשטאנען לעבן מיר מיין מאָן... א חיה... א פרעמדע, ווילדע חיה איז געשטאנען לעבן מיר, און האָט מיר געוואָלט ווי טאָן, און האָט פון מיר געוואָלט צונעמען מיין קינד... האָב איך געכאפט א קיכנמעסער און האָב אים געהאלטן פאר זיין ברוסט, האָט ער זיך פאנאנדערגעלאכט, האָט א נעם געטאָן די גאסן פרוי זיינע און איז אוועק. ער איז ניט צוריקגעקומען. ניט יענע נאכט און ניט די קומענ־דיקע נאכט, און ניט קיין נאכט. ער האָט מיך איבער־געלאָזן, ווי ער וואָלט מיך גאָר ניט געקאָנט.. איך בין נעגאנגען אין גאָס... כדי פאָר דיר צו פאָרדינען אויף ברויט... אין מיינע יונגע יאָרן בין איך ניט געווען מיאוס... און היינט.

הינקעמאן: היינט?

די אלטע פרוי הינקעמאן: היינט איז ער צוריקגעקומען, אָפגעריסן, אָפגעשליסן, פארשמוצט און פארלייזיקט, אָנגעבלאָזן, קראנק, ציטערנ־דיק האָט ער אָנגעטאַפּט די קליאמקע פון מיין קאמערל. איך האָב אים דערקענט נאָך די טריט, גלייך ווי ער איז אראָפּגעגאנגען פון די טרעפּ. „וואָס ווילסטו פון מיר נאָך ניין און צוואנציק יאָר?" האָב איך אים געפרעגט. „וועסטו מיך ניט שלאָגן?" האָט ער געמעקעט, ווי אַן אָפּגעריסענער נאר. און דערנאָך: „איך בין צו דיר צוריקגעקומען כדי ביי דיר צו שטארבן".

הינקעמאן: און וואָס האָסטו אים נעענט־פערט, מוטער?

די אלטע פרוי הינקעמאן: איך האָב אים געהיים זזיך אויסטאָן און זיך אוועקלייגן אין בעט. ריינע וועש וועט ער געפינען אין קאמאָד. ווארימע וואסער אויפ׳ן אויוון און זייף אין שופלאָד.

הינקעמאן: הייסט עס, אז דו האָסט אים פארגעבן?

די אלטע פרוי הינקעמאן: (האַרט) ניין, און איך וועל אים קיינמאָל ניט פארגעבן. איך וויל אויף אים אכטונג געבן ביז זיין ענד. דאָס איז מיין פליכט אלס מענטש. און ווען ער וועט שטארבן, וועל איך אים אליין צומאכן די אויגן. קיין פרעמדער טאָר דאָס פאר מיר ניט טאָן... אָבער ווען מען וועט אים אריינלייגן אין טויטן־וואָגן און פירן צום בית־עולם, וועל איך פארהייננגען די פענסטער און פארשליסן די טירן און ניט נאָכגיין נאָך זיין אָרון. (מיט טריאומף) זאָלן אים פרעמדע מענטשן באגראָבן! דאָס וועט זיין מיין נקמה פאר די אלע צרות, וואָס ער האָט מיר אָנגעטאָן!

הינקעמאן: (נאָך א פאוזע) וואָס איז געווען דאָס ביטערסטע, מאמע? וואָס ער האָט זיינע שכירות פארטרונקען, אין דער צייט, ווען דו האָסט געליטן הונגער?

די אלטע פרוי הינקעמאן: ניין.

הינקעמאן: איז עס געווען, וואָס א פרעמדע גאסן פרוי האָט אים פון דיר צוגענומען?

די אלטע פרוי הינקעמאן: ניין.

הינקעמאן: איז עס געווען, וואָס ער האָט זיך מיט איר געוואָלט לייגן אין דיין בעט?

די אלטע פרוי הינקעמאן: ניין.

הינקעמאן: אויב אזוי איז עס געווען, וואָס ער האָט געלאכט, ווען דיין נשמה האָט זיך איבערגע־קערט אין גרוים ווייטאָק?

די אלטע פרוי הינקעמאן:
דאָס איז עס געווען, אייגען! דאָס!

הינקעמאן: דו האנדלסט ריכטיק, מוטער. איך וויל דעם פאָטער ניט זען. און איך וויל אויך, ווי דו, הינטער זיין ארון ניט נאָכגיין.

(שטילקייט).

די אלטע פרוי הינקעמאן:
אייגן... איך דארף עפּעס אָנצוטאָן פאַר דיין פאָטער...

הינקעמאן: נא, נעם מיין זונטיקדיקן גאַר־ניטער, מוטער (ער גייט צו צום אלמער, נעמט ארויס א רעקל מיט הייזן און דערלאַנגט עס צו דער אלטער פרוי הינ־קעמאַן).

די אלטע פרוי הינקעמאן:
(באטראכט עס) ס'וועט אים פּאַסן.. ווייסט, דער פאָטער איז שטענדיק געווען זייער איבערקלייבעריש מיט זיינע קליידער... וואו איז גרעטע? איז זי אין דער היים?

הינקעמאן: זי וועט באלד קומען, מוטער... מוטער, דו טראָגסט דיין פּעקל צרות און איך טראָג מיי־נעם. דו קענסט עס כאָטש ארויסזאָגן... אָבער איך... איך קען עס אפילו ניט זאָגן... איך מוז שטענדיק מורא האָבן ניט אויסגעלאַכט צו ווערן.

די אלטע פרוי הינקעמאן:
יעדער מוז טראָגן זיין פּעקל. קיין זאַך ווערט אים ניט געשאָנקען. דאָס לעבן איז שטאַרקער ווי מיר, אייגן. דאָס לעבן האָט ניט קיין רחמנות מיט אונז... איך מוז גיין אהיים... דיין פאָטער וועט שוין זיין הונגעריק. א גוטע נאַכט.

הינקעמאן: א גוטע נאַכט, מוטער.

(די אלטע פרוי הינקעמאן גייט אוועק).

הינקעמאן: דאָס ביטערסטע איז געווען, וואָס ער האָט איבער איר געלאַכט, ווען איר נשמה האָט זיך געדרייט אין ווייטאָקן און אין נויט. האָסטו עס גע־הערט, דו גרויסער גאָט? ביזטו צופרידן? צוויי מענטשן האָבן זיך פאַר דיר געאָפּפערט... דיין פאָטער

איז געוואָרן דיין באַשיצער פון דער גאַסן־פרוי און דיין פרוי אַ פּיסטשענדיקע לאַך־טייבעלע... זאָלן מיר אפשר אויפפירן אַ פריידן־טאַנץ? באַפעל נאָר! איך קען אַלץ! טרינקען ראַצענבלוט פאַר צוואַנציק פעניג איינ־טריטס־געלט, טאַנצן פאַר צוויי מענטשן לעבנס. אהא, אהא!

(הינקעמאַן הויבט אָן מיט פאַרפלאָכטענע אָרעמס צו־ערשט לאַנגזאַם, דערנאָך אין גיכן טאַנץ־ריטם צו שפרינגען דאָ מיט איין פוס, דאָ מיט די אַנדערע פאַר פריאַפּ'ן).

הינקעמאַן: לוסטיק! לוסטיק! האָפּלאַ! האָפּלאַ! קומט נאָר אַריין! אַלע אַריין! מיינע הערן און דאַמען! קאַסע! קאַסע! די מאַסע דאַרף עס! האַ־האַ־האַ! האַ־האַ־האַ!

(לאָזט זיך אַראָפּ און אויסגעמאַטערטער אויפ'ן ביינקל. אין אַ ווײַלע אַרום קומט אַריין פרענצע).

פרענצע: גוטן אָוונט. גרעטע איז ניטאָ?

הינקעמאַן: ניין.

פרענצע: ווי טרויעריג דו זיצסט זיך... די לופט איז אַזוי זיס אין אַזאַ וואַרימען זומער אָוונט... איך גיי איצט טאַנצן, ווילסטו מיטקומען?...

הינקעמאַן: דו מענטש! אַ, אַנטשולדיק... איך בין געווען פאַרנומען מיט מיינע געדאַנקען... איך בין געווען ערגעץ ווייט...

פרענצע: דו, אייגען...

הינקעמאַן: יאָ.

פרענצע: דו, אייגען...

הינקעמאַן: רייד!

פרענצע: דו ביזט נאָך אַלץ דער שטאַרקסטער פון אַלעמען... דער שענסטער...

הינקעמאַן: און?...

פרענצע: איך מיין נאָר אַזוי...

הינקעמאַן: און...

פרענצע: ווען מען באַטראַכט גרעטע'ן... ווי קאַפּריזנע זי איז געוואָרן... זי איז דאָך מיין חבר'טע... אָבער איך זאָג דיר, איך בין דיר ניט מקנא... (נאָענט

ביי הינקעמאַנ׳ען) דו, אייגן... קום גאָר מיט מיר... וועסטו דערנאָך דערציילן גרעטע׳ן, אַז דו האָסט גע־האַט אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג... דו וועסט זאָגן... אָך, מיין גאָט... דו פאַרשטייסט דאָך וואָס איך מיין!...

הינקעמאַן: מיר וועלן... מיר וועלן ביידע צוזאַמען פאַרברייינגען די נאַכט... דאָס מיינסטו דאָך?... דער אָוונט איז אַזוי וואַרים. אויף די טרעפּען פאַלט מען איבער די צואַוואַרימטע קעצלאָך... און אין שטאָדט פּאַרק ווייט די לופט... אַזוי זיס... אַזוי...

פרענצע: עס איז אַזוי הייס, אַז מען קען אויף די ביינק אין שטאָדט פּאַרק שלאָפן... דו, אייגען...

(פרענצע שלינגעלט זיך ארום הינקעמאַנ׳ס האַלדז, קושט אים. הינקעמאַן שטויסט זי אָפּ. לאַכט הויך אויף).

פרענצע: (צאָרנדיק) וואָס דו מיינסט אודאי, אַז איך לויף דיר נאָך!...

הינקעמאַן: לויף זיך אַליין נאָך, סאַמקע דו! אין שטאָט פּאַרק לויפן ארום אַ סך מענער. קאָטערס מיט קעץ, הינט מיט צויגן. זיי זיינען לויפעדיקע חיות. די לופט אַזוי זיס....

פרענצע: (צאָרנדיק) אַ צווייטן מאָל וועסטו שוין צו מיר קומען!

(פרענצע לויפט ארויס).

הינקעמאַן: האַ־האַ־האַ! דער טויטער הינקע־מאַן איז נאָך אַ גאָט! אויפ׳ן מאַרק שטייט אַ נאַקע־טער מאַן פון בראָנז. ווי פליגן ארום אַ מיסטן־קאַסטן מעגן זיי אים ארומרינגלען. קומט נאָר אריין, מיינע הערן און דאַמען! איר וועט זען איבעראַשונגען!... און איך... איך בין אַ געזעצליכע אורזאַכע פאַר אַ גט פראָצעס!...

(אַ פּאָר סעקונדען שטילקייט. גרעטע קומט אריין).

גרעטע: אַ גוטן אָוונט, אייגען.

הינקעמאַן: (ניט ארויפקוקנדיק) האָט גאָט גע־זאָגט צו קין׳ען: וואו איז דיין ברודער הבל? האָט

ער געענטפערט: איך ווייס ניט. בין איך דען דער היטער פון מיין ברודער?

גרעטע: איך בין עס, אייגען.

הינקעמאן: ער אָבער האָט געזאָגט: וואָס האָסטו געטאָן? די שטימע פון דיין ברודער'ס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד.

גרעטע: איך האָב דיר געקויפט אַ פּאָר בלומען, אייגען... היינט איז דאָך דער טאָג פון אונזער חתונה...

הינקעמאן: עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס טראָגן אַ מאַסקע אַזוי אַז זיי קענען איבער איינעם לאַכן און גלייך דערנאָך אים פאַרשאַפן פאַרגעניגן, און אַלץ אין איין אַטעמציק... איך דאַנק דיר גרעטע, דו ביזט זייער פריינדלאַך, גרעטע. ווי בונט די ראָזען זיי־נען. עס איז זייער אַנגענעם צו קוקן אויף די פאַרבן... עס איז געווען שיין אונזער חתונה... אונזער הייראַטס־נאַכט... עס איז געווען שיין... זייער שיין...

גרעטע: דעמאָלט איז נאָך געווען שלום.

הינקעמאן: און דערנאָך איז געקומען דער קריג. דו האָסט געזאָגט, איך בין שטאָלץ אויף דעם, וואָס דו האָסט געדינט אין דער גוואַרדיע. און ווען איך בין אַוועק אין קריג האָסטו געוויינט. האָסטו גע־וויינט פאַר פרייד, וואָס איך האָב געדינט אין דער גוואַרדיע?

גרעטע: וואָס פאַר האָפנונגען מיר האָבן דע־מאָלסט געהאַט! וואָס פאַר אַ לופטשלעסער מיר האָבן געבויט!

הינקעמאן: יאָ. האָפנונגען אַזוי בונט, ווי די בלומען. אָבער אין צייט פון קריג האָבן ערגעץ אין אַ גאָרטן בלומען געבליט און מען האָט אויף דעם גאָרטן געשאָסן איז געווען אויס מיט דער שיינקייט. אַזוי איז געווען ביי בלומען ווי ביי חיות און ביי חיות, ווי ביי מענטשן. קיין אונטערשיד!... איך בין געווען אַ געזונטער יונג און האָב זיך געלעבט און האָב קיין זאָרג ניט געהאַט. און דו, דו ביזט אויף מיר שטענ־דיק געווען אייפערזיכטיק.

גרעטע: יאָ.

הינקעמאן: (הארט) אבער היינט דארפסטו מער ניט זיין אייפערזיכטיק... היינט קענסטו... לאכן...

גרעטע: (הויבט אן צו וויינען).

הינקעמאן: נו, נו! לאך נאר ווייטער! דו וויינסט גאר! שפיל ניט קיין טעאטער! לאך, ווייב, לאך! דו האסט זיך דאך שוין אויסגעלערנט צו לאכן! דו קענסט דאך לאכן, ווען איינער לעגט ארויס זיין נאַקעטע אנגעווייטאקטע נשמה אין דער גאסען־בלאטע! פארשפאר דיינע טרערן אויף אן אנדערם מאל! אך יא... צוערשט מוז איך זינגען! (זינגט מיט א געקינסטעלטער שטימע) ווילִיא, א ווילִיא, דו וואלד מיידל מיינס, פאר־וואס לאכסטו ניט"? (אויסגעמאטערט) איך האב דאך דעם קנעפל א דריק געטאן.

גרעטע: (מיט פלאכע הענט, אויף וועלכע די פינ־גער ציטערן, ווי זיך באשיצנדיק) מאן... ווי דו קוקסט מיך אן!... מאן, איך האב מורא פאר דיר.

הינקעמאן: מורא? נארישקייטן! ווי קענסטו פאר מיר מורא האבן, פאר מיר, וואס איז גאר קיין.... וואס איז קיין...

גרעטע: (האסטיק, אונטערטעניק) ניין, ניין! איך האב טאקי קיין מורא ניט. איך האב דיך ליב, און פארוואס זאל איך פאר דיר מורא האבן?

הינקעמאן: פרוי! דעם אמת!

גרעטע: איך וועל עס טאן! איך וועל זאגן דעם גאנצן אמת.

הינקעמאן: זינט ווען? זינט ווען? איך ווייס אלץ.

גרעטע: איך בין געווען שלעכט, אייגען!

הינקעמאן: דו זאגסט ניט קיין ליגן?

גרעטע: איך בין געווען שלעכט. איך בין א שוואכע פרוי. ער האט מיך דעם קאפ פארדרייט. איך האב דיך ליב געהאט און האב דיך דאך ניט ליב גע־האט. עס איז געווען אונרעכט פון מיר. איך ווייס ניט אויב דו וועסט מיך נאך קענען ליבן...

הינקעמאַן: ווי קען איך דען אַריינריידן וועגן דעם, אַז דו ביזט געגאַנגען מיט פּאול׳ן. דו האָסט דיין גוטן רעכט אויף דעם, אויב דו האָסט אים ליב.

גרעטע: ניין... ניין!...

הינקעמאַן: אָבער דו מוזט גיך אַוועקגיין פון דאַ־נען. גרעטע, גיך!... אָדער ניין... איך וועל גיין... איך שטעל קיין שום פאָדערונגען ניט... די מעבל באַלאַנגט צו דיר... אַ גוטן...

גרעטע: איינען, אָה דו!... דו מיין ליבער אָרי־מער מאַן!... איך האָב דיך פאַרראַטן פאַר אַ פּאָר קליי־נערס... איך האָב געגן דיר געהאַנדלט ווי אַ שלעכ־טער מענטש!...

הינקעמאַן: דו!... דו! דו, ווייב דו!... ווער האָט דיך אין די לעצטע עטליכע וואָכן אויסגעלערנט צו זאָגן ליגן? אָדער... אפשר בין איך פריער טויב גע־ווען? אפשר האָב איך ניט געוואוסט, ווער עס וואוינט אין מיינע פיר ווענט? האָט זיך די נאַטור איבערגע־קערט? איך האָב געגלויבט, אַז איך האָב ביי זיך אַ שמעטערלינג און צום סוף האָב איך גאָר געהאַט אַ וואָ־רים! אַ וואָרים מיט אויגן, וואָס קענען אָפּנאַרן, ווי אַן אָרימע גאַסן פרוי. די גאַסן־פרויען טוען דאָס ווייַ־ניקסטענס דערפאַר וואָס די נויט טרייבט זיי... און דו... (ווערענדיק ווילד) ריר מיך ניט אָן! לאָז אָפּ מיינע הענט! דו האָסט זיך געמעגט עקלען פון מיין צושאָ־סענעם קערפּער, אָבער איצט, ווייב, איצט עקעל איך מיך פון דיר! דיינע הענט זיינען זשאַבעס, עקעלדיק און קלעפּיק. דיינע ברוסטן, דיינע רונדע, פולע ברוסטן זיינען ווי צופוילטע אייטער... דיין מויל, דיין רויַ־טער, זיסער מויל איז אַ שטינקענדיקער ברונעם. דיין קערפּער, דיין געזונטער, דיין בליהענדיקער קערפּער... איך וויל אים מער ניט זען. אין זיין גאַנצער געזונטקייט איז ער פאַרוועריסט! ווי אַ טויטע פּאַדלע זעט ער אויס אין מיינע אויגן!

גרעטע: (אויף די קני) שילט מיך!... שילט מיך! שלאָג מיך! שלאָג מיך!... איך האָב עס פאַר־דינט!...

הינקעמאן: ווען דו ביזט פאר דעם באלאגאן געשטאנען און האסט געהערט ווי מען שטעלט דיין מאן ארויס, פונקט ווי א ווילדע חיה... ווי דיין מאן צורייסט קליינע אומשולדיקע חיה׳לאך די העלדזער... כדי געלט צו פארדינען... פאר דיר צו פארדינען!... לעבעדיקע חיה׳לאך צעבייסן די העלדזער... ווען דו ביזט דארטן געשטאנען מיט דיין געליבטן... האסטו געלאכט... הא? דו האסט געלאכט?... געלאכט?...

גרעטע: דאס איז ניט אמת.. איך שווער ביי גאט, אז דאס איז ניט אמת...

הינקעמאן: איך וויל קיין איין ווארט מיט דיר מער ניט ריידן. דו ליגסט ניט, ווי א מענטש! דו ליגסט ווי א טייוועל... א גוטע נאכט!

(הינקעמאן לאזט זיך גיין).

גרעטע: רייד, אייגען, רייד... אבי בלייב דא... איך וויל די גאנצע שולד נעמען אויף זיך... יא, איך האב געלאכט... אויפ׳ן מארק פלאץ... פאר׳ן באלאגאן... האב איך געלאכט... אט אזוי: הא־הא־הא־הא!

הינקעמאן: און דערפאר מוזטו שטארבן, ווייב. ניט דערפאר וואס דו האסט גענומען אן אנדערן... דאס איז געווען דיין רעכט... ניט דערפאר, וואס דו האסט מיך אפגענארט און ליגן געזאגט... אזא רעכט האסטו זיך גענומען... שטארבן מוזטו, ווייל דו האסט פון מיר אפגעלאכט... דארטן אויפ׳ן מארק פלאץ... א מאמע מעג דערווערגן איר קינד און קיינער טאר אויף איר קיין שטיין ניט ווארפן. ווען זי דערווערגט אבער איר קינד און צולאכט זיך דערנאך שפאטיש, ווייל דאס קינד שטעקט ארויס דעם געשוואלענעם צינגל פון האלדז... אזא מאמען דארפן די ווייטאקן ברענען ביז צום ענד פון דער וועלט!... איך אבער וויל זיין מיט דיר בארמהערציק... איך וועל דיר ניט לאזן ליידן ביז׳ן ענד פון אלע טעג... וואס ליגסטו פאר מיר אויף די קני... אט פאר דעם ליג אויף די קני... פאר דעם, ווער עס איז דיין גאט! צו אים בעט!... צו אים... בעט!

(הינקעמאן שלעפּט גרעטע׳ן צו צו פּריאפּ׳ען. זיין אַטע־מינן האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַן אָכצען.)

הינקעמאַן: (נאָך עטלאַכע סעקונדען) וואָס... וואָס גלאָצטו מיך אַזוי אָן... ווי קוקן דיינע אויגן?... איך וואָלט קיין מענטש ניט געוועז, ווען איך זאָל זאָגן, אַז אין די דאָזיקע אויגן איז פאַראַן עפּעס פאַלשקייט!... די דאָזיקע אויגן קען איך! די אויגן האָב איך געזען אין פאַבריק... די אויגן האָב איך געזען אין קאַזאַר־מע... די אויגן האָב איך געזען אויפ׳ן שלאַכט פעלד... די אויגן האָב איך געזען אין האָספּיטאַל... די אויגן האָב איך געזען אין תפיסה... דאָס זיינען די זעלביקע אויגן... די אויגן פון די געהעצטע, פון די געשלאָגענע, פון די געפּייניקטע און פון די געמאַטערטע באַשעפע־נישן... יאַ, גרעטעלע... איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט פיל רייכער פון מיר... און איצט זע איך, אַז דו ביזט פּונקט אַזוי אָרים... פּונקט אַזוי הילפלאָז... יאַ... אויב דאָס איז אַזוי... אויב דאָס איז אַזוי... דאַן זיינען מיר ברודער און שוועסטער.. איך בין דו און דו ביזט איך... אָבער וואָס זאָל איצט זיין?... וואָס וועט איצט ווערן?...

גרעטע: איך וועל דיך מער קיינמאָל ניט פאַרלאָזן.

הינקעמאַן: דאָס איז ניט די פראַגע, גרע־טעניו. דאָס ליגט איצט הינטער אונז. וואָס האָבן מיר דערמיט צו טאָן? עס איז דאָך קיין אונטערשיד ניט צי דו גייסט מיט אַן אַנדערן, צי דו נאַרסט מיך אָפּ, צי דו לאַכסט איבער מיר... עס וועט דיר ניט העלפן. און ווען דו זאָלסט אפילו גיין אין זיידענע קליידער און וואוינען אין אַ פּאַלאַץ און קיינמאָל ניט אויפהערן צו לאַכן — אַלץ איינס... דו בלייבסט פּונקט אַזאַ אָרי־מע, עלענדע באַשעפעניש, ווי איך... אין דעם איצ־טיקן מאָמענט האָב איך דאָס דערזען... לאָז מיך איבער אַליין, גרעטע...

גרעטע: איצט זאָל איך דיך לאָזן אַליין?...

הינקעמאַן: שטענדיק מוזטו מיך אַליין לאָזן. און שטענדיק מוז איך דיך אַליין לאָזן.

ג ר ע ט ע: וואָס וועט דאָ איצט פון אונז ווערן?

ה י נ ק ע מ אַ ן: אַמאָל, פאַר זעקס יאָרן, איז מיר געגאַנגען זייער שלעכט. דער הונגער האָט מיר נעלאָזן צוזאַמענלויפן דאָס וואַסער אין מויל, און איך האָב געזען, ווי אימיצער האָט געגעסן. וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ גנעפּיל, גרעטע, איך קען עס דיר ניט זאָגן. האָב איך געזען אויף איינע פון די שפּיל פלעצער אין די קוואַרטאַלן פון די רייכע אַ צופרידענעם אינגל לויפנדיק מיט אַ שטיק פּוטער־ברויט אין מויל. וואָס פאַר אַ זשעדנעקייט מיר איז דעמאָלט באַפאַלן! דער הונגער האָט מיר שוין גאָר ניט וויי געטאָן. דער אינגל אָבער, וואָס האָט געקייט דאָס ברויט האָט מיך געטריבן צו משוגעת. איך בין כמעט אַ מערדער געוואָרן, אבי ניט צו זען, ווי דער אינגל קייט דאָס ברויט...

ג ר ע ט ע: אייגען! וואָס מיינסטו דערמיט? איך פאַרשטיי ניט מער.

ה י נ ק ע מ אַ ן: איך בין געוואָרן לעבערליך דורך מיין אייגענער שולד. איך האָב זיך גדאַרפט שטעלן אַנטקעגן, ווען די מינע איז אָנגעצונדן געוואָרן, וואָס האָט געבראַכט דעם חורבן אויף דער וועלט... איך האָב זיך גדאַרפט שטעלן אַנטקעגן די גרויסע פאַרברעכער, וועלכע רופן זיך שטאַאַטסמענער און גענעראַלן. איך האָב עס אָבער דעמאָלט ניט געטאָן. איך בין לעבערליך, ווי די היינטיקע צייט, אַזוי טרויעריק — ווי די היינטיקע צייט. די היינטיקע צייט האָט ניט קיין נשמה און איך האָב ניט קיין געשלעכט. ניטאָ קיין אונטערשייד... לאָמיר יעדער ניין אונזער וועג. דו, אויף דיינעם, איך — אויף מיינעם.

ג ר ע ט ע: אייגען! וואָס הייסט דאָס אַלץ, וואָס דו האָסט געזאָגט?

ה י נ ק ע מ אַ ן: עס הייסט, אַז איך וויים ניט, ווי לאַנג עס וועט ביי מיר אָנהאַלטן, וואָס איך האָב זיך איצט דערוואוסט. די לעבעדיקע נאַטור פון מענשן איז שטאַרקער, ווי זיין פאַרשטאַנד. דער פאַרשטאַנד איז נאָר אַ מיטל זיך אַליין אָפּצונאַרן.

גרעטע: און וואָס וועט ווערן פון מיר?

הינקעמאַן: דו ביזט געזונט. אַ קראַנקער האָט אויף דער איצטיקער ערד גאָר נישט ניט וואָס צו זוכן. אַזוי איז זי שוין איינגעאָרדענט... ווי זי איז איצט קען זיך האַלטן נאָר דער, וואָס איז נוצליך. ענטוועדער ער איז געזונט, דאַן האָט ער אויך אַ געזונטע נשמה. אַזוי זאָגט דער קלאָרער מענטשן־פאַרשטאַנד. אָדער ער איז גייסטיק קראַנק און ער באַלאַנגט צו אַ דול הויז. דער רעכנונג איז ניט אין גאַנצן ריכטיק. אָבער ער איז אויך ניט פאַלש. אַ קראַנקער קען גאָרנישט ניט טאָן. ער איז געליימט אין זיין בלוט. זיין נשמה איז ווי דער טויטער פליגל פון אַ שוואַלב, ווי אַן אָדלער, ביי וועמען מען האָט אָראָפּגעשניטן די נערוועז. לעב גליקלאַך, גרעטע. איך ווינש דיר פון גאַנצן האַרצן אַ גוט לעבן.

גרעטע: וואָס ווילסטו טאָן, מאַן?... וואָס ווילסטו טאָן? דו ווילסט מיך דאָך ניט לאָזן אַליין?

הינקעמאַן: עס איז ניט וועגן מיין קראַנקהייט... עס איז ניט וועגן מיין צושאָסענעם לייב... איך בין געגאַנגען דורך די גאַסן... האָב איך ניט געזען קיין מענטשן, נאָר פאַרצופּס, נאָר פאַרקרימטע פאַרצופּס... איך בין געקומען אַהיים, האָב איך ווידער געזען נאָר פאַרצופּס... און נויט... זינלאָזע אונענדליכע נויט... און בלינדע באַשעפענישן... איך האָב ניט מער דעם כח. איך האָב ניט מער די קראַפט צו קעמפן... איך האָב ניט מער די קראַפט צום חלום... און ווער עס האָט ניט קיין כח צו חלום׳ען, האָט ניט קיין כח צום לעבן... דער שאָס איז געווען ווי אַ פרוכט פון עץ הדעת... אַלץ וואָס איך זע ווערט וויסן... אַלץ וואָס איך וויים ווערט ליידן... א י ך ו ו י ל נ י ט מ ע ר.

גרעטע: דו ווילסט זיך עפּעס אָנטאָן! אייגען... אייגען... איך האָב גאָרניט געלאַכט!... דו... איך בלייב ביי דיר... שטענדיק! שטענדיק! אַלץ וועט ווידער גוט ווערן מיר צוויי. קיינער וועט ניט פרעגן. איך ביי דיר. דו ביי מיר...

הינקעמאן: דו האסט ניט געלאכט... קוק מיך אן, גרעטע... ניין! דו האסט ניט געלאכט... איך גלויב דיר, גרעטע... אה, דו... (קושט איר צערט־ליך) אלץ וועט ווידער גוט ווערן... איך ביי דיר... דו ביי מיר....

גרעטע: (זיך אן אים לאסטשענדיק):

זומער וועט זיין און שטילקייט אין וואלד...

שטערן... און מיר — א האנט אין א האנט...

הינקעמאן: (זיך פון איר באפרייענדיק)

הערבסט וועט זיין און בלעטער פארוועלקט...

שטערן און האס!... און פויסט קעגן פויסט...

גרעטע: (אויפשרייענד) אייגען!

הינקעמאן: (מיד) איך ווייס צופיל.

גרעטע: (וויינענדיק ווי א הילפלאז קינד) לאז מיך ניט אליין... איך בלאנדזשע אין דער פינסטער... איך וועל זיך ווי טאן... איך וועל פאלן... אלץ איז מיר ווינד... אי ווי עס טוט וויי!... ווי עס טוט וויי!... אה!... אה!... איך האב אזוי מורא פאר'ן לעבן! גיב נאר א טראכט.. אליין! אליין אין לעבן... אין א וואלד פון ווילדע חיות... אליין! קיינער איז ניט גוט... יעדער נאגט אין דיין הארץ... ניט איבערלאזן מיך אליין!... ניט לאזן אליין!... גאט האט באשטימט מיין שיקזאל... איך באלאנג צו דיר...

הינקעמאן: וואס איז קעגן דער נאטור, קען ניט זיין באשטימט פון גאט... פרואוו נאר, גרעטע, פרואוו נאר... קעמף.. דו ביזט געזונט... פאנג אן א ניי לעבן... קעמף פאר א נייער וועלט... פאר אונזער וועלט...

גרעטע: (מיט צוקענדע פלייצעס) ווען איך וואלט אפילו אליין געוואלט.. איך וואלט עס דאך ניט געקענט... איך האב ניט דעם מוט... איך בין ווי צובראכן... (פארצווייפלט) מיין גאט! איך געפין זיך מער ניט קיין ארט! מיר זיינען אין א נעץ, אייגען, אין א נעץ... א שפין זיצט דא און לאזט אונז ניט אפ... זי האט אונז איינגעשפינט... איך קען

דאָך קוים באַוועגן מיט מיין קאָפּ... איך פאַרשטיי ניט מער דאָס לעבן... אה, לייז מיך אויס פון מיינע ליידן, גאָט, דו ליבער!... דו גאָט אין הימל!...

(גרעטע גייט ארויס מיט שווערע טריט).

הינקעמאַן: (אַליין) וואו איז דער אָנפאַנג און וואו איז דער ענד? ווער קען דאָס וויסן ביי אַ שטיק שפּינוועבס.

הינקעמאַן כאַפּט פּריאַפּ'ן און וואַרפט אים אריין אין אויוועו).

הינקעמאַן: דו ליגנערישער גאָט! דו עלענדער געץ! (נאָך אַ פּאַויזע). ווען די זאַכן זיינען אַזוי, ווער האָט אַ רעכט צו משפּט'ן דעם צווייטן? יעדער איז פאַרדאַמט זיך אַליין צו משפּט'ן...

דערלעזונג! דערלעזונג! אויף אַלע גאַסן פון דער וועלט שרייען זיי דערלעזונג! דער פראַנצויז, וואָס האָט מיך פאַר אַ קריפּל געמאַכט. דער נעגער, וואָס האָט מיך מיט זיין קויל פאַראומגליקט, שרייט נאָך דערלייזונג...

אויב ער לעבט נאָך אין אַלגעמיין?... און ווי לעבט ער?... איז ער בלינד, פעלט אים אַן אָרעם? אַ פוס? ער האָט מיר ווײ געטאָן און אַן אַנדערער האָט אים ווײ געטאָן... ווער אָבער האָט אונז אַלעמען ווײ געטאָן?...

און עס זיינען נאָך פאַראַן מענטשן, וואָס זען דאָס ניט, און עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן דאָס פאַרגעסן. אין קריג האָבן זיי געליטן, און האָבן זייערע טרייבער געהאַסט און האָבן זיי דאָך געפאָלגט און האָבן געמאָרדעט!... אַלץ פאַרגעסן... זיי וועלן ווידער ליידן און וועלן ווידער זייערע אונטערטרייבער האַסן און וועלן ווידער... געהאָרכן און וועלן ווידער מאָרדן... אַזוי זיינען שוין די מענטשן... זיי וואָלטן געקאָנט אַנדערש זיין, ווען זיי וואָלטן געוואָלט. אָבער זיי ווילן ניט... זיי פאַרשטייען נ ט דעם גייסט... זיי לאַכן אים אויס... זיי שענדן דאָס לעבן. זיי קרייציקן אים.. שטענדיק און אַלעמאָל, שטענדיק און אַלעמאָל...

ווי דום און זינלאָז דאָס איז! מאַכן זיך אָרים און וואָלטן געקאָנט זיין רייך, און וואָלטן ניט געדאַרפט

קיין הימלישע אויסלייזונג... די פארבלענדעטע! אזוי ווי זיי וואלטן עס געמוזט טאן אין ווילדן שטורם ווינט פון די טויזענטער יארן! אזוי ווי זיי וואלטן אנדערש ניט געקאנט. ניט געטארט... פונקט ווי שיפן, וואס די קעסעל גרוב צים צו צו זיך און רייסט און צווינגט איינע די אנדערע צו צושמעטערן...

(אין דרויסן א טומל. ס'הערן זיך שטימען. די טיר ווערט אויפגעריסן. א מאסע מענטשן רייסן זיך אריין און פאראויס פון אלעמען מאקס קנאטש).

מאקס קנאטש: אויפ'ן הויף... אויפ'ן הויף... אויפ'ן הויף... דיין פרוי... זי האט זיך אראפ־געווארפן... קוק ניט אריין... קוק זי ניט אן... עס איז... שרעקלאך... שוידערלאך...

(מענטשן טראגן אריין דעם קערפער פון גרעטע הינ־קעמאן איינגעוויקלט אין א דעקע).

הינקעמאן: (מיט אן אויסגעגלאצטן בליק און מעכאנישע באוועגונגען) לאזט מיך אליין, לאזט מיך אליין... לאזט מיך אליין מיט מיין ווייב... (זיך בע־טענדיק) איך בעט איך, לאזט מיך אליין... אליין... אליין מיט איר...

(אלע פארלאזן דעם צימער. הינקעמאן גייט צו צום שופלאד פון טיש, נעמט ארויס א פעקל דיקע פאדים, הויבט אן רואיק צו פלעכטן פון די פאדים א שטריק).

הינקעמאן: זי איז געווען געזונט און האט דעם נעץ צוריסן. און איך שטיי נאך דא... איך שטיי דא גרוים און לעבערליך... שטענדיק וועלן מענטשן אין זייער צייט שטיין אזוי, ווי איך... פארוואס אבער האט עס געטראפן מיך... דווקא מיך... אן איבערקלייבן טרעפט עס... עס טרעפט דעם און עס טרעפט א צווייטן.... עס טרעפט ניט דעם און עס טרעפט ניט א צווייטן... וואס ווייסן מיר? פון וואנען... וואוהין? יעדער טאג קען ברייננגען דעם גן עדן... יעדע נאכט קען ברייננגען דעם מבול...

(בינע שליסט זיך לאנגזאם).

ע נ ד ע.